A
J E W…
CANA…
DAIL…
Circ…
All Over
CANADA
And Abroad

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
…6 1925

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל,

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XII No. 4414 TORON… MARCH 3 1925 ז׳ אדר פרשה תצוה תרפ״ה. טאראנטא, דינסטאג, דער 3־טער מערץ, 1925. PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

טויטען זעקס קאניבאלען

אלטע פרוי איז פארליבט געווען אין קינדער - פלייש

באדרא, פראנקרייך, מערץ, 2.

זעקס נעגער - קאניבאלען, צווישען זיי א מאן איבער זעכציג יאהר, און א פרוי פון זיעבציג, זענען לעצטענס הינגעריכטעט געווארען פון די פראנצויזישע טרופען אין וויקטאריא, פראנצויזישע גינעא. פאר׳ן קריגס - געריכט האט דער אלטער מאן זיך מודה געווען, אז ער האט ליעב געהאט מענשען־פלייש, און באזונדערס דעם לעבער. די פרוי וויעדער האט ערקלעהרט, אז זי האט ליעב געהאט קינדער־פלייש, „ווייל אז מען עסט עס קען מען וויעדער ווערען אזוי יונג ווי א קינד", זענען געווען איהרע רייד.

די קאניבאלען זענען אנגעקלאגט געווען אין אויפעסען עלף מענשען.

א גאנץ היפשער געהאלט

ניו־יארק, מערץ, 2.

דזשי וועגס, איינער פון די בעסטע „פיטשערס" אין דער נייעשאנעל בייז־באל ליג, האט אונטערגעשריעבען א דריי יאהריגען קאנטראקט, פאר וועלכען ער באקומט 50 טויזענט דאלאר, אדער איבער 16 טויזענט דאלאר א סעזאן.

פארלאנגט האט ער ניט ווייניגער פון 22 טויזענט, אבער מען האט זיך אויסגעגליכען א טויזענטער אראפ — א טויזענטער ארויף.

לעבט שוין איבער דעם פינפטען האניג חודש

ניו־יארק, מערץ, 2.

אויב מאנכע מענשען קענען זיך באקלאגען, אז זיי האבען נ״ס געהאט קיין „האני־מון", קען זיך עס אבער ניט באקלאגען נארא בעיס, די באקאנטע מוזיקעל קאמעדי אקטריסע און טענצערין, וועלכע איז שבת אפגעפאהרען צום פינפטען מאהל אויף א האניג־חודש רייזע.

איהר נייעסטער מאן איז, בענדזשעמין לעסטער פרידלענד, אן אייגענטימער פון א גרויסען גאראדזש, און דאס פארעל איז אפגעפאהרען מיט דער „לויתן" קיין אייראפע. אוועקגעפאהרען זענען זיי נאך שבת, אבער ערשט היינט האט מען זיך וועגען דעם דערוואוסט דורך ראדיא.

היינט א פארשטעלונג פאר׳ן פאלקס פאראיין

אין סטענדערד טעאטער ווערט היינט נאכט אויפגעפיהרט „גאט׳ס שטראף". אלס בענעפיט פארשטעלונג פאר׳ן אידישען פאלקס פאראיין.

די היינטיגע אונטערנעהמונג, איז די ערשטע טעאטער פארשטעלונג, וואס דער פאראיין פיהרט דורך, און עס ווערט ערווארטעט אז אלע וועלכע זענען באקאנט מיט די אויפגאבען פון אידישען פאלקס פאראיין, וועלען היינט נאכט קומען צו דער פארשטעלונג.

מען וועט קענען שפילען אין „פערדלאך" נאך א יאהר צייט

אטאווא, מערץ, 2.

חברה וועלכע שפילען אויף פערדלאך האבען א רעכט צופריעדען צו זיין, ווענינגסטענס אויף נאך א יאהר איז מען זיכער, אז מען וועט אין קענעדע קענען שפילען אויף פערדלאך. דער פארלאמענט זעצט נאך פאר צו דעבאטירען דעם אמענדמענט פון וו. סי. גוד, וועלכער וויל האבען אז מען זאל פארבאטען צו שפילען אפילו אויף די טרעקס. אבער דער קראפט פון דער גאנצער דעבאטע איז שוין אוועקגענומען געווארען, און עס איז זיכער, אז עס וועט דורכפאלען.

עס איז געוועזען די פערטע גרעסטע ערד-ציטערניש פון דער לעצטע צייט

די ערד־ציטערניש פון שבת אווענט, וואס פיעלע האבען אפילו ניט באמערקט, הערט ניט אויף צו זיין די סענזאציע פון טאג, און יעדע צייטונג פון לאנד גיט אפ פיעל פלאץ דער דאזיגער פאסירונג. מען דערוויסט זיך אלץ מעהר איינצעלהייטען וועגען דער זאך, און עס איז זיכער, אז אין מאנכע פלעצער איז דער שאדען פון דער ערד־ציטערניש גאנץ גרויס.

קירכע פאלט איין אין קוויבעק

קוויבעק, מערץ 2.

מיט א שטורם און גרויסע בראזגערייי איז שבת אווענט איינגעפאלען די גרויסע רוימיש־קאטוילישע קירכע אין סט. הילאריאן, זעכציג מייל פון קוויבעק, לויט באריכטען וועלכע זענען דא היינט דערהאלטען געווארען.

די קירכע איז אין גאנצען געבויט געוועזען פון שטיין, און איז ערשט פארטיג געווארען מיט צוויי יאהר צוריק, זייענדיג איינע פון די שעהנסטע געביידעס אין׳ם געגענט. ווען די קירכע איז איינגעפאלען, איז זי געוועזען ליידיג, אבער מיט א שטיקעל צייט פריהער איז זי געוועזען פול מיט מענשען.

דער פאל האט אנגעווארפען א שרעק אויפ׳ן גאנצען געגענט.

צעהן מינוט אין אטאווא

אטאווא, מערץ 2.

די שבת־נאכטיגע ערד־ציטערניש איז געוועזען פיער מאל אזוי שטארק ווי וועלכע עס איז פריהערדיגע ערד־ציטערניש וואס די דאמיניאן אבזערוואטאריע האט פארצייכענט. עס איז אויך געוועזען די פיערטע גרעסטע נאך די ערד־ציטערנישען פון סאן פראנציסקא, יאפאן און ארום דעם נארט־פאסיפישען אקעאן. די לעצטע איז פארגעקומען אין פעברואר 1923.

אין אטאווא גופא האט די ערד־ציטערניש אנגעהאלטען 10 מינוט צייט, און לויט דער אויסרעכענונג פון דער אבזערוואטאריע, האט די ערד געציטערט אויף א פערטעל אינטש.

א פייער אין מאנטרעאל

מאנטרעאל, מערץ 2.

א צעהן טויזענט דאלאר שאדען אין דעם היגען סט. דזשיימס קאטעדראל ווערט דירעקט צוגעשריעבען צו דער ערד־ציטערניש. פונ׳ם לעצטען זענען די פיירנייס פייפס צוטרייסעלט געווארען, און אזוי פאראורזאכט א פייער א דאנק די צובראכענע פייפס.

אין פיעלע געביידעס און פעקטאריס האבען געליטען די דעכער און די פענסטער.

געפיהלט אין איטאליען

פאענזא, איטאליען, מערץ 2.

די ראפאעל באנדאנדי אבסערוואטאריע האט דא רעגיסטרירט א גרויסע סיזמאטישע ציטערניש, דער צענטער פון וועלכען עס האט געזאלט זיין 4,300 מייל ווייט.

די פארצייכנונגען האבען אנגעהאלטען ביי 2 שעה צייט.

האליפאקס האט אויך געפיהלט

האליפאקס, מערץ 2.

שבת אווענט האט נאווא סקאשיא אויך געפיהלט די ערד־ציטערניש וואס האט זיך אזוי שטארק געפיהלט איבער אנטעריא און קוויבעק.

איבעראל זענען פארצייכענט געווארען איינע אדער מעהר אויפטרייסלונגען.

ווען ניט די ערד־ציטערניש

מאנטרעאל, מערץ 2.

פיער בעדרי, א היגער פראנצויז, דאנקט יעצט דער ערד־ציטערניש פון שבת אווענט, ווייל ניט, וואלט ער ניט ארונטער קיין גאנצער פון בארבער׳ס שטוהל.

פיער האט זיך שבת אווענט גערא־זירט אין א בארבער שאפ אויף קעטרין סטריט, איז אבער דער בארבער געוועזען א נערוועזער, און ער האט פיער׳ן שיער אפגעשניטען אן אויער. אבער דא איז די ערד־ציטערניש געקומען צו הילף. גראדע אין דער מינוט, ווען פיער׳ס אויער האט שוין געהאלטען ביי ווערען א פארטיגער, האט די ערד־ציטערניש אפגעשטופט דעם נערוועזען בארבער אין א זייט, און פיער איז דארום געבליבען מיט צוויי אויערען.

טאראנטער פראפעסאר ערקלעהרט די אורזאכע

פראפעסאר א. פ. קאלמאן, וועלכער איז הויפט פון דעם געאלאגישען דעפארטמענט אין היגען אוניווערזיטעט, האט נעכטען געזוכט צו ערקלעהרען די ערד־ציטערניש מיט פאלגענדער אורזאכע.

„ארום 40 מייל טיעף, איז די ערד פול מיט ווייכען מאטעריאל, וואס לאזט זיך ווי קנעטען, און דער דרוק איז אזוי גרויס, אז אפילו די שטארקסטע פעלזען קענען עס ניט ביישטעהן. די ערד איז א זעהר סענסיטיווער ארגאניזם, און האלט זיך אין איין בייטען, און די דאזיגע ברוכען קענען אמאל זיין הונדערטע מייל לאנג. די „ראקס" אדער שטיינער זאלטען זיך דארום אין איין גליטשען, און אזעלכע ברוכען זענען פארהאן נעענט ביים סט. לארענס, וועלכער איז טיילווייז אליין א רעזולטאט פון אזא ברוך.

רעגירונג איז פעסט אנטשלאסען אז באלפור פראגראם זאל דורכגעפירט ווערען ווי געפלאנעוועט

——):o:(——

ירושלים, מערץ 2, (איטא).

די מעסיגע אראבישע פארטיי, געפיהרט פונ׳ם ירושלים׳ער מעיאר נאשאשיבי האט באשלאסען צו קאאפערירען מיט דער אראבישער עקזעקוטיווע און באיקאטירען באלפור׳ן.

ווי דער ירושלים׳ער קארעספאנדענט פונ׳ם „עקספרעס" טיילט מיט, איז די רעגירונג פעסט באשלאסען צו זעהן, אז קיין זאך זאל ניט קענען שטערען דער פראגראם וואס ווערט צוגעגרייט לכבוד באלפור׳ן.

פראטעסטירען געגען דער אוועקשיקונג

חיפה, מערץ 2, (איטא).

די יוניאן פון אייזענבאהן ארבייטער, וועלכע באשטעהט פון אידען און אראבער האט געקייבעלט צום אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל און די בריטיש טרייד יוניאנס צו פראטעסטירען געגען דער אוועקשיקונג פונ׳ם ארבייטער פריישפאן, וועלכער איז ענטזאגט געווארען דערפאר, וואס ער האט זיך ענטזאגט צו ארבייטען אווערטיים, ווייל ער איז געוועזען ניט־געזונט.

מאנדאט האט פיעל געהאלפען

ביירוט, מערץ 2, (איטא).

פראפעסאר גאטהייל איז ווארעם אויפגענומען געווארען פון גענעראל סארעיל.

צו א פארטרעטער פון „הואר היום" האט גאטהייל ערקלעהרט, אז ער האט באזוכט די אמעריקאנער און פראנצויזישע אוניווערזיטעטען אין סיריען, און אז ער געפינט איין, אז אונטער׳ן מאנדאט איז געמאכט געווארען פיעל סאציאלער און קולטורעלער פארשריט.

איינער פון די אנגעקלאגטע שוחטים ווידערשפרעכט זיך

טענה׳ט אז ער האט מורא פאר טויט שטראף

מינסק, מערץ, 2, (איטא).

ווען מען האט היינט ביים שוחטים פראצעס גענומען זאיטשיק׳ן אויף א קרייץ־פארהער, וואס האט אנגעהאלטען ניין שעה צייט, האט דער באשולדיגטער אפגעלייקענט, אז ער האט זיך מודה געוועזען אין זיין שולדיג אינ׳ם פארברעכען. ער האט אויך אפגעלייקענט דעם בריעף וואס ער האט אין יאנואר געשריעבען אינ׳ם מינסקער „וועקער", זאגענדיג אז ער האט געשריעבען דעם בריעף אויפ׳ן ראט פונ׳ם אונטערזוכונגס־ריכטער, וועלכער האט איהם דערצו געצוואונגען צוזאמען מיט׳ן געהילף פונ׳ם מיליץ - קאמיסאר, און אז געטאן האט ער עס אין א נערוועזען צושטאנד.

זאיטשיק׳ס ערקלעהרונגען האבען געשאפען אן אומגינסטיגע שטימונג: טראצדעם וואס ער וויל פארטיידיגען זיינע ווידערשפרעכונגען מיט נערוועזיטעט, ווייל ער האט מורא פאר טויט־שטראף.

אבער אויף דעם האט איהם דער ריכטער בארוהיגט, אז עס איז ניטא קיין געפאהר פאר טויט שטראף.

ראפאפארט גלויבט, אז זאיטשיק איז משוגע. ער האט אויך צוגעגעבען, אז זיי האבען געוואוסט אז וויינהויז איז א שפיאן.

פוילישער פרעזידענט-מערדער האט „פארווירקליכט" דעם נאציאנאלען געדאנק, זאגען פוילישע אנטיסעמיטען

ווארשא, (איטא). (דורך פאסט).

- אין צוזאמענהאנג מיט׳ן יאהרצייט פון דער עקזעקוציע פון מערדער פון ערשטען פוילישען פרעזידענט, ניעווידאמסקי האבען פארשידענע אנאנימע קאמיטעטען איינגעארדענט היי יאהר טרויער גאטעס דינסטען פאר דער נשמה פון מערדער.

איינס פון די בלעטער האט מיטגעטיילט וועגען דער גאטעס דינסט אז זי איז פארגעקומען „פאר דער נשמה פון אומגליקליכען מארטירער און אידעאליסט, וואס האט פארווירקליכט דעם נאציאנאלען געדאנק".

ניעווידאמסקי האט געהאט ערקלעהרט אז ער האט דער׳הרג׳ט פרעזידענט נוראטאוויטש צוליעב דעם וואס ער איז אויסגעוועהלט געווארען מיט אידישע שטימען.

העריא האט שוין דייטש־לאנד׳ס פארשלאג

——):o:(——

פאריז, מערץ, 2.

היינט איז מען דא געוואר געווארען, אז דייטשלאנד האט געמאכט פראנקרייך א פארשלאג וועגען אן אפמאך, וואס זאל פארזיכערען אייראפעאישען פריעדען.

פרעמיער העריא האט שוין דערהאלטען דעם פלאן פון דר. שטרעסעמאן אבער זיין ענטפער איז דערווייל געוועזען, אז ער מוז זיך וועגען דעם באראטען מיט די אנדערע אליאירטע.

דער דייטשער זיכערונגס - פלאן שלאגט פאר צו שליסען אן אפמאך צווישען ענגלאנד, פראנקרייך, בעלגיען און דייטשלאנד, אבער גיט ניט קיינע גאראנטיעס וועגען פוילען, און ערקלעהרט אז דייטשלאנד׳ס מזרח גרענעצען מיט פוילען וועלען נאך דארפען געענדערט ווערען, אבער דורך פריעדליכע מיטלען.

פרעמיער העריא האט נאך דערהאלטען דעם פלאן פון דר. שטרעסעמאן מיט צעהן טעג צוריק.

איז גוט באוואכט געווארען

מארסעל, מערץ, 2.

ארום טויזענט פאליסלייט און א גרויסע צאהל געהיים־פאליציי האבען נעכטען באוואכט דעם פלאץ, וואו עס איז פארגעקומען א באנקעט פאר פרעזידענט מילעראן, פארהיטענדיג אז די קאמוניסטען זאלען ניט מאכען קיינע שטערונגען.

דעבאטע וועגען קולטור ארבייט ביי די בני ציון

ציון האל איז זונטאג אווענט געוועזען איבערפילט פון פיעלע פערזאנען וועלכע זענען געקומען הערען די דעבאטע צווישען א. ריינוויין (רעדאקטאר פון „זשורנאל"), און לאיער ס. רענבערג, וועלכע האבען דעבאטירט איבער דער פראגע: די נויטיגקייט פון קולטור ארבייט אין ציוניזם.

א. ריינוויין, האט געהאלטען א שעהנע רעדע וועגען דער נויטווענדיגקייט פון קולטור ארבייט אינ׳ם ציוניזם, וועהרענד לאיער רענבורג האט ערקלעהרט אז קאפיטאל איז נויטיג צוערשט, און מיט׳ן אויפבוי וועט קומען די קולטור.

צוואנציג נייע מיטגלידער זענען אינסטאלירט געווארען.

ס. הימעל איז געווען דער פארזיצענדער פון פארזאמלונג.

מרס. מאגרע, באגלייט פון מיס נעלמאן, האבען דורכגעפיהרט א מוזיקאלישען פראגראם.

די קויפמאן פאמיליע וועט דעפארטירט ווערען

אסקאר קאופמאן, זיין פרוי און דריי קינדער, וועלען דעפארטירט ווערען קיין רומעניען, ווייל זיי זענען מיט עטליכע יאהר צוריק ניט נאכגעקומען די אימיגראציאנס - געזעצען.

עס איז נאך ניט באוואוסט ווען זיי וועלען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד, ווי דזשיי. סי. מיטשעל, דער אימיגראציאנס אינספעקטאר האט נעכטען ערקלעהרט.

די אלע בקשות צו אטאווא האבען נאר ניט געהאלפען.

ציוניסטישע קאנפערענץ ערעפנט

ווארשע, מערץ 2, (איטא).

די אל־פוילישע ציוניסטישע קאנפערענץ איז דא ערעפנט געווארען מיט דעלעגאטען פון קאנגרעס־פוילען, מזרח און מערב גאליציע און דער ווילנער געגענט. די הויפט־פראגע פאר דער קאנפערענץ איז צו שאפען א פאראייניגטע ציוניסטישע ארגאניזאציע פון גאנץ פוילען.

דר. גאטליעב האט ביי דער קאנפערענץ אויסגעדריקט די האפנונג, אז עס וועט זיך יעצט אנהויבען א גרויסע אקציע א דאנק דעם באשלוס פון דער אומפארטייאישער קאנפערענץ אין אמעריקע אריינצוטרעטען אין דער אידישער אגענטור.

פארקויפט פאר 55 טויזענט דאל.

דא הויז פונ׳ם פארשטארבענעם סער עדמאנד וואקער 99 סט. דזשארדזש סטריט איז נעכטען פארקויפט געווארען פאר דער סומע פון 55 טויזענט דאלאר. דאס הויז האט 23 רומס און 6 באטרומס. עס איז אפגעקויפט געווארען פון טריניטי קאלעדזש.

טעקסעס וועלען זיין 29,85 „מילס"

ענדליך וויסען מיר שוין וויפיעל שטאדטישע טעקסעס מיר וועלען דארפען צאהלען.

דער סיטי קאונסיל האט נעכטען ביי זיין זיצונג באשלאסען, אז דער טעקס־רייט פאר היינטיגעס יאהר זאל זיין 29.85 מילס פון דאלאר.

די מעהרסטע צייט פון דער נעכטיגער זיצונג איז פארנומען געוועזען הויפטזעכליך מיט די „עסטימייטס".

וועט באגריסען אוניווערזיטעט ערעפנונג

קאונע, מערץ 2, (איטא).

דער ליטווישער אוניווערזיטעט האט באשלאסען צו שיקען נאך ירושלים דעם פראפעסאר פון טעאלאגיע גריניוסטעס אלס באגריסער ביי דער ערעפנונג פונ׳ם העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים.

יצחק אבן באגראבען אויפ׳ן וויענער בית עלמין

וויען, מערץ 2.

יצחק אבן, וועלכער איז לעצטע דאנערשטאג דא געשטארבען, איז פרייטאג געבראכט געווארען צו קבורה אויפ׳ן היגען בית עלמין.

ביי דער לויה זענען אנוועזענד געוועזען רב הכולל פראפעסאר חיות, דער ריבאקאווער רבי, און פיעלע אידישע שריפטשטעלער.

נעכע סאקאוויטש ע״ה

די פרוי פון שלמה ליב סאקאוויטש, פון 217 מארייא סטריט, איז געשטארבען נעכטען אווענט.

די לויה וועט זיין היינט, דינסטאג, 12 א זייגער מיטאגצייט פון דער פארשטארבענערס וואוינונג.

אלע פריינט און קרובים זענען געבעטען צו קומען צו דער לויה.

2 אידישע סוחרים ערמארדעט און אריינגעווארפען אין טייך

וויען, מערץ 2, (איטא).

אברהם וויינבערג און זיין ברודער, צוויי אידישע סוחרים פון בראילא, וועלכע זענען פארשוואונדען געווארען פון זייערע היימען, זענען ערמארדעט געווארען דורך צוויי רומענישע פויערים, לויט א באריכט פון בוקארעסט.

די פאליציי האט אויסגעפונען אז די פויערים האבען ערמארדעט די צוויי אידען, צושניטען זייערע קערפערס און אריינגעווארפען אין טייך. די פויערים זענען ארעסטירט געווארען.

דאס חלש׳ען האט איהר געראטעוועט דאס לעבען

א יונגע פרוי, וועלכע וואוינט אין דער י. וו. ק. א. אויף 18 עלם סטריט, האט נעכטען געהאט צו פארדאנקען איהר לעבען דעם פאל, וואס זי האט גע׳חלשט.

ארויספאלענדיג דורכ׳ן פענסטער פון איהר רום אויף דעם דריטען פלאר, איז זי געבליבען לעבען, טראצדעם וואס זי איז געפאלען פערציג פוס, נאר א דאנק דעם וואס פאלענדיג האט זי געחלשט, אנדערש וואלט זי אפשר געטויט געווארען, אדער ווענינגסטענס שווער פארוואונדעט געווארען.

אזוי ווילען האבען די דאקטוירים.

פארמער גלויבט צו שטאמען פון ענגלישער קעניגליכער פאמיליע

מינאט, נארט דאקאטא, מערץ, 2.

אין אן איינזאמען פארוואורפענעם „שעק", איז דא מיט עטליכע טעג צוריק געשטארבען אן אלטער מאן, אלעקסאנדער העי, וועלכער האט געגלויבט אויף זיך, אז ער איז אן אוראייניקעל פון דעם ענגלישען קעניג, און איינער פון זעקס יורשים פון א ירושה, וואס באטרעפט ארום 27 מיליאן דאלאר.

ער איז געוועזען ארום פופציג יאהר א פארמער אינ׳ם דאזיגען שטילען געגענט, און פלעגט זיך נאר אפגעבען מיט זיינע ביכער.

פורים באזאר פאר דער מאטוירניטי איד

אין דער בראנזוויק עווענוי תלמוד תורה, וועט קומענדען דאנערשטאג פארקומען א פורים באזאר, צו גונסטען דער מאטוירניטי אייד סאסייטי.

די טוערינס פון דער סאסייטי, וועלכע גיבען אכטונג אויף מוטערס און זייערע קינדער, האלטען אוים א זומער פלאץ וואו עס געפינען זיך ארימע פרויען און קינדער פאר זייער וואקאציע.

דער באזאר וועלכער ווערט געשטיצט פון אלע פרויען ארגאניזאציעס איז אראנזשירט פאר דעם פאנד.

ערנסט טאלער פאהרט קיין ארץ ישראל

ווי עס מעלדעט א טעלעגראמע צום ניו יארקער „מארגען זשורנאל", איז דער באוואוסטער אידיש - דייטשער שריפטשטעלער און דראמאטורג, ערנסט טאלער, אפגעפאהרען קיין ארץ ישראל.

אין ירושלים איז געשטארבען חיים משה אבראמאוויטש, א פלימעניק פון פארשטארבענעם אידישען שרייבער מענדעלי מוכר ספרים.

פארלאנגט

פארלאנגט אן ערפאהרענעם אידישען שריפטזעצער פון „אידישען זשורנאל".

אזעלכער וואס האט אמאל געארבייט אין א צייטונג באפארצוגען.

פרעגען פון 4 א זייגער אן אין אפיס פון „זשורנאל" פאר מר. פריעדלענד.

א ליבעס ערקלעהרונג פון סטיידזש

איז דער נאמען פון א סקיצע פון א טעאטער־לעבען, געשריעבען פון

הענריעטא שניצער

וואס וועט זיין געדרוקט מארגען אין „אידישען זשורנאל".

הענריעטע שניצער האבען פיעלע געזעהן שפיעלען היינטיגען סעזאן אין סטענדערד טעאטער, און מען דארף איהר מעהר ניט פארשטעלען.

מארגען אין „אידישען זשורנאל"

מאנישעוויטץ מצה באליעבט ביי מיליאנען אידען איבער דער גאנצער וועלט.



MACDONALD'S
Fine Cut
א פערפעקטער בלענד פאר די וועלכע מאכען זייערע אייגענע סיגארעטס
מיט די פרייע
ZIG-ZAG
סיגארעט פאפיר־צוגעגעבען
15¢
(אויך אין ½ פונט טין 80ס.)

„צושטערטע לעבענס"

ראמאן פון קאנאדיש אידישען לעבען.
(ספעציעל געשריבען פאר'ן „זשורנאל")
פון י"ב־ם

(116־טע פארזעצונג)

גיטעלע האט זעלבסט ניט געוואוסט פארוואס איהר כעס האט זיך אזוי שטארק צופלאקערט. זי האט ניט געוואלט מעהר רעדען וועגען דזשאזעפ'ן אבער אזוי שנעל ווי זי האט דערהערט אז יענער לעבט גליקלאך און צופרידען, האט עס פארגיפטעט איהר גאנץ בלוט.

אין דער טיפעניש פון איהר הארצען האט גיטעלע נאך געליבט דזשאזעפ'ן, זי האט נאך איהם געבענקט, און זי האט ניט פארגינען קיידי'ן איהר גליק. זי האט איהר מאן רעספעקטירט און זאגאר געליעבט, דאס איז אבער געוועזען צוליעב זיין איידעלער באשעפטיגונג. ווען ער זאל צום ביישפיעל ווערען אויס אדוואקאט, וואלט ער ביי איהר זיכער דעם גאנצען גלאנץ פארלוירען.

צו דזשאזעפ'ן אבער האט זי נאך געהאט ערגעץ אין הארצען א טיפע ליעבע, זי האט געפיהלט, אז ער באלאנגט צו איהר, און דאס וואס ער האט פארקניפט זיין לעבען מיט א צווייטע, איז עפעס ניט ריכטיג, עס האט אזוי ניט באדארפט זיין.

זי האט זיך אליין ניט געקענט אפגעבען רעכנונג וואס זי וויל, זי פלעגט אבער אויפגעציטערט ווערען, ווען זי פלעגט זיך דערמאנען, אז דזשאזעף איז גליקלאך, אז ער לעבט גוט מיט זיין פרוי.

פאר דער צייט וואס זי האט פון איהם ניט געהערט, האט זי זיך כמעט ווי פארגעסען. זי איז געוועזען צופרידען וואס זי הערט ניט פון איהם, ניט קיין גוטעס, ניט קיין שלעכטעס. איצט אבער ווען בערנארד האט איהר דערציהלט, אז אלעס איז דארט גלענצענד גוט, האט עס זי אריינגעווארפען אין א היסען און קאלטען פיבער.

זי איז אריין צו זיך אין צימער און זי איז דארט פארבליבען פאר א גאנצער שטונדע. זי האט זיך אריינגעזעצט אין א ווייך שטוהל און געפלאכטען פארשידענע פינסטערע געדאנקען.

זי האט געוואוסט אז דאס קען זיך ענדיגען מיט אן אומגליק פאר איהר אליין, זי האט פארשטאנען אז אזוי שנעל ווי בערנארד וועט זיך דערוויסען, אז זי האט עטוואס געטאן צו צושטערען דזשאזעפ'ס פאמיליען לעבען, וועט זיך אפטאן חושך, עס וועט זיין הימעל געשריי, און זי זעלבסט וועט פיליכט דארפען זיין א קרבן, דער געדאנק אבער צו טאן עס, האט זי געצויגען ווי א מאגנעט.

ענדליך האט זי באשלאסען צו אויפגעבען איהרע אלע פלענער, און מעהר ניט צו טראכטען וועגען דעם, און אום צו בארוהיגען זיך האט זי באשלאסען געהן יענעם אווענט אין טעאטער.

פארנאכט צו, האט זי זיך גענומען גרייט צו מאכען פאר'ן טעאטער, זיך איבערגעטאן, זיך אוועקגעשטעלט ביים שפיגעל און פראבירט פארטרייבען פון זיך די פינסטערע פלענער וואס האבען זי אזוי געמאטערט. זי האט שוין געוואלט מיט אונגעדולד צו זיצען אין טעאטער, קוקען אויף דער ביהנע, און פארגעסען איהרע שלעכטע געדאנקען.

אין טעאטער איז זי געוועזען פון די ערשטע. זי האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שעהנעם פלאץ, און זי האט באטראכט דעם אריינקומענדיגען עולם.

ווען דאס טעאטער איז שוין באלד געוועזען געפאקט, האט זי פלוצלונג דערזעהן א זאך וואס האט פארקיהלט איהר גאנץ בלוט. אין איינעם פון די טעאטער לאדזשעס איז אריינגעקומען א רייך געקליידעט פארל, וועלכע האבען געצויגען אלעמענ'ס אויפמערקזאמקייט. דאס זענען געוועזען אונזערע באקאנטע צוויי ראמאן העלדען דזשאזעף און קיידי.

אונטער דעם שיינענדען ליכט פון עלעקטריק האבען זייערע שעהנע געזיבטער געשיינט ווי די זון. דזשאזעף איז געוועזען אנגעטאן אין א שעהנעם שווארצען סוט מיט א צילינדער הוט, וועהרענד קיידי האט געטראגען א זיידענע אפערא קלייד; מיט א וואונדערבאר שעהן צוגעפוצטע קאפ.

נאך קיינמאל פריהער האט זיי גיטעלע ניט געזעהן אין אזא פראכטפאלען צושטאנד, זיי זענען ביידע וואונדערבאר שעהן, און אלע פארזאמעלטע האבען אויף זיי געקוקט מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט.

גיטעלע איז געזעסען ווי א פאראליזירטע, זי האט זיך ניט געקענט ריהרען פון פלאץ און האט אויך ניט געקענט אפרייסען איהרע אויגען פון זיי. די פארשטעלונג האט זי שוין מעהר ניט געקענט זעהן. דער ערשטער אקט איז שוין באלד געוועזען געענדיגט און גיטעלע האט נאך אלץ געקוקט אין יענעם ווינקעל, וואו דזשאזעף און קיידי זענען געזעסען.

וואס און איהר הארצען איז דאן פארגעקומען איז שווער פארצושטעלען זיך. א גאנצער ים גיפט און פארדרוס האט דארט געזאדען און געקאכט, געשטורעמט און געבושעוועט אהן אן אויפהער.

דאס האט זי דאך געדארפט זיצען אין יענער לאדזשע מיט איהם. אלעמענס אויגען פון דעם טעאטער, האבען דאך מיט אזא גרויסע נייגעריגקייט געדארפט קוקען אויף דזשאזעפ'ן מיט איהר.

(ווערט פארגעזעצט)

נאך אידישע פישער פון סאלאניקי נאך ארץ ישראל

ירושלים, (א. י. ס.).

זעכצעהן אידישע פישער־פאמיליען אין סאלאניקי האבען זיך ארגאניזירט אין א גרופע מיט דעם צוועק: צו באזעצען זיך מיט פישעריי אויף דעם ברעג פון מיטלענדישען ים נעבען עכו. דיזע גרופע האט פאר דעם צוועק די נויטיגע מכשירים אין ווערט פון 500 פונט, ווי שיפלאך, נעצען א. ד. ג., וועלכע זיי וועלען אהער ברענגען מיט זיך, אויסער דעם וועלען זיי באקומען פון קרן־היסוד א הלואה פון 725 פונט, פאר'ן ערשטען יאהר.

דיזע גרופע באשטעהט, ווי געזאגט, פון 16 פאמיליען, וועלכע צעהלען 60 נפשות. די מעהרסטע פון זיי זענען אלע גוט געאיבט אין פישעריי, עס איז דאריבער צו האפען, אז זיי וועלען דא האבען אן ערפאלג.

אן עהנליכע גרופע פון 13 פישער, וועלכע זענען שוין פריהער געקומען אהער, באשעפטיגען זיך מיט זייער פאך אויף דעם ברעג פון ים, נעבען עטליט, און מיט ערפאלג, אבוואהל זיי האבען זייער ארבייט אנגעפאנגען מיט נאך קלענערע מיטלען אלס די דערמאנטע נייע גרופע פון 16 פאמיליען.

אפריקאניזאציע

א בריעף פון א האטענטאט צו זיינעם א חבר.
פון מ. סעלים

איך געפין זיך איצט אויף א ערד, וואס הייסט "איראפא". די מענשען דא זיינען נאך אין א האלב ווילדען צושטאנד און וואוינען אין עפעס ריזיגע פארמאכטע קאסטענס, אויף וועלכע מען מיז קלעטערען ווי אויף אונזערע קאקטוס בוימער. זיי פליהען אין עפעס מאדנע וואגענס איבער די דעכער און אונטער דער ערד ווי משוגעים. אין די קעשענעס האבען זיי אזוינע מאשינדלעך, וועלכע הייסען זייגערס. אלע ווייילע כאפען זיי א קוק אויף די זייגערס און האלטען אין איין יאגען זיך ווי די טייוואלים. בכלל זיינען זיי נאך גאנץ ווייט פון אונזער אפריקאנישער קולטור. אבער זיי מאכען גרויסע פארשריט און א דאנק דער מלחמה, וועלכע האט דא געדויערט גאנצע זיבען יאהר, האבען זיך דא אהערגעקריגען די איינפלוסען פון אונזער קולטור.

זיי האבען אליין מיט די אייגענע הענט פארניכטעט זייערע גרויסע שטעדט, דערפער, פאבריקען, פאלאצען, און יענע ערטער האבען היינט א פנים פונקט ווי ביי אונז אין אפריקא, און אויף די חורבות נעהמט שפראצען אונזער קולטור. בפרט א געוויסער טייל יוגענד זיינען הייסע אנהענגער פון דער אפריקאנישער קולטור. זיי קומען אין די שולען מיט שטעקענס און באמבוסען, קלאפען, שרייען און מאכען אפריקאנישע מוזיק, נעהמען אן די אפריקאנישע מנהגים און זענען אנהענגער פון דער האטענטאטישער מאראל. די גרויסע הייזער, וועלכע זיינען נאך געבליבען פון פאר דער מלחמה'דיגער ווילדער עפאכע פאלען כסדר איין און די מענשען טראגען זיך איבער אין די באראקען אדער וואוינען אויף די גאסען, פונקט ווי ביי אונז אין אפריקא.

פאראן לענדער, וואו ביסלעכווייז ווערען אפגעריסען די ווילדע איבערבלייבענישען פון דעם איראפעאישען בארבאריזם. די פאבריקען פארמאכען זיך, מענשען געהען ארום ליידיג פונקט ווי אין אפריקא, אז דער האנדעל וועט אויפהערען, די פאבריקאציע וועט אונטערגעהן וועט זיך ערשט קאנען אנטוויקלען אונזער קולטור. מענשען וועלען ווערען שפארזאם (דא ווערט שטארק פראפאגאנדירט, אז מען זאל זיין שפארזאם, מיניסטארען הייסען אויך זיין שפארזאם). מענשען וועלען אויפהערען שיקען די קינדער אין די שולען — זיי וועלען ניט האבען קיין געלד דערויף, מען וועט ניט געהן אין די הייזער, וועלכע זיי רופען אן "טעאטער", זיי וועלען אויפהערען טראגען קליידער — וועלען זיי מוזען געהן נאקעט, פונקט ווי ביי אונז (די פרויען געהען שוין דא לאנג אנגעטאן לויט אונזער שטייגער.

די קונסט איז שוין דא לאנג אפריקאניש. איך האב געזעהן גאנצע קונסט אויסשטעלונגען, בילדער גאלעריען פון ריין אוראלט־אפריקאניש פוטוריסטישער קונסט. איך לעז דא די מאדערנע אפריקאנישע פאעזיע. אין די אווענדען וואו איך געה און וואו איך שטעה, ווערט מיין אויער אנגענעטיגט פון די קלאנגען פון אפריקאנישען דזשעז בענד און איך טאנץ אויף אלע פארוויילונגען און בעלער די ריין אפריקאנישע טענץ.

זייערע מלכים, וועלכע הייסען דעפיטאטען זיצען גאנצע טעג אין אזוינע פארלאמענטען, און שלאגען זיך, זינגען, פייפען און קלאפען דזשעז בענד — פונקט ווי ביי אונז.

עס זענען שוין דא פאראן אויך מענשען פרעסער. אלץ הייסט מענשען פרעסער! אונזערע האטענטאטען וואלטען זיך געמעגט קומען ביי זיי לערנען. איינער האט זיך אויסגעצייכענט מיט מאכען ווארשטלעך פון מענשען פלייש, דער צווייטער האט געמאכט שלעקעס פון מענשליכער הויט.

ווי עס איז צו זעהן פון דעם אלעם ענטוויקעלט זיך, דא גאנץ גוט די אפריקאנישע קולטור. אבער זיי ברויכען דא האבען לעהרער אפריקאנער, לעהרער, ווייל זיי טרייבען פיעל מאל איבער די מאס. פארהאן דא, למשל, א שטאדט, וואו עס הערשט א מנהג אויפצונעהמען א גאסט, וואס טראגט א בארד, מיט שטעקענס און ברעכען איהם די ביינער — ביי די האטענטאטען ווייסט מען ניט דערפון — און נאך אזוינע עהנליכע מנהגים. קום צו פאהרען, טייערער חבר, וועסט זיך דא פיהלען פונקט ווי ביי זיך אין אפריקא.

טענדערס פארלאנגט
BOARD OF EDUCATION
פארזיגעלטע טענדערס, אדרעסירט צום ביזנעס אדמיניסטראטאר און סעקרעטערי־טרעזשורער, באארד אף עדיוקיישאן, אדמיניסטריישאן בילדינג, 155 קאלעדזש סטריט, אינדארסירט מיט'ן ווארט "טענדער", און אויך מיט'ן נאמען פון דער סקוהל־בילדינג און טרייד אדער ארטיקעל, וועגען וועלכען עס רעדט, וועלען אנגענומען ווערען ביז
פרייטאג, מערץ 13, 1925
פאר
עלעקטריק פיקסטשורס
סערטיפיקיישאנס און קאנדישאנס פון טענדערינג קען מען אנזעהן, און אלע אינפארמאציעס באקומען אינ'ם אפיס פונ'ם באארד ארכיטעקט, 155 קאלעדזש סט., טעלעפאן טריניטי 8200.
טענדערס מוזען זיין אין סעקרעטערי'ס אפיס אינ'ם אדמיניסטריישאן בילדינג ניט שפעטער פון 4 נ. מ. אינ'ם דערמאנטען טאג. נאך וועלכען קיין טענדער וועט ניט באטראכט ווערען. דער נידריגסטער אדער וועלכער טענדער איז ניט מוז אנגענומען צו ווערען.
מ. א. ברילינדזשער
טשערמאן פראפערטי קאמיטע.
וו. וו. פירס
ביזנעס אדמיניסטרייטאר און סעקרעטער טרעזשורער.

געלד
נאך גאנץ איראפא
געשיקט צו פאלגענדע פרייזען און אויסגעצאהלט אין 2 וואכען.
10 דאלאר — — — — — 35 סענט
20 דאלאר — — — — — 40 סענט
30 דאלאר — — — — — 50 סענט
50 דאלאר — — — — — 60 סענט
100 דאלאר — — — — — $1.75
גארפינקעל'ס
אפיס
153 קווין סט. וועסט
טאראנטא אנט.

מורה מומחה ומנוסה
מלמד את השפה העברית ושאר המקצועות על פי השטה הטבעית (עברית־בעברית), ששמש בהוראה בכמה בתי ספר ברומניה, חניך בית המדרש למורים באיאסי וחישיבה המוהלבית. יודע אנגלית במדה רצינית מבקש משרה הגונה.
לפנות:
הוצאות הדרך על חשבונו.
A. VOLDMAN
656 Georgia St. E. Vancouver, B.C.

א זילבערנע חתונה

מר. חיים דוד און מרס. שיינע חיה ווערניק פון 256 מארקהאם סטריט האבען זונטאג נאכט געפראוועט זייער זילבערנע חתונה אין אנוועזענהייט פון זייערע קינדער.

ביי שעהן געדעקטע טישען האבען גוט פארבראכט זייערע זעקס קינדער, 28 אייניקלאך און דריי אור־אייניקלאך. מר. ס. ווערניק פון נייאגרא פאלס, זייער עלצטער זוהן, איז געוועזען טאוסט מאסטער, און רעדעס זענען געהאלטען געווארען פון די אנוועזענדע, וועלכע האבען זיי געוואונשען פיעל גליק. עס איז געזאמעלט געווארען 7 דאלאר פאר'ן פאלקס פאראיין, 3 דאלאר פאר'ן מושב זקנים.

5782)

מיידלאך און ווייבלאך
ארדערט אייערע דרעסעס ביי
מרס. גלאסמאן
מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער וואהרע, גוט און ביליג.
16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0538

SANTAL CAPSULES MIDY
העלפט שנעל
קאטאר
איפ'ן פענכער
זעלטען ערפאלגרייך
אין היילען
יעדעס קאפסול
טראגט א נאמען
MIDY
היט אייך פון נאכגעמאכטע

בארגיינס
צוקער, 10 פונט — — 69סענט.
בעסטער האניג 10 סענט א פונט
פריים קאקא — 10 סענט א באקס
פאסטאם — — — 23 א באקס
בראנזוויק סערדינס 5 פאר 25 ס.
קראס פיש סערדינס, 3 פאר 25 ס.
הורשא סעמען 2 פאר 33 סענט
הורשא גרויסע 2 פאר 55 סענט.
טייגער גרויסע 2 פאר 41 סענט.
מעטשעס דאמיניאן 3 פאר 26 ס.
זייף פאלמאליוו, 4 פאר 29 סענט.
זייף גאלד קאמפארט 10 פאר 53 ס.
צווייגענבוים, 10 קענזינגטאן עוו.
טעלעפאן טריניטי 3954
5 בראנזוויק עוו. טעלעפאן טריניטי 0389
5629-3-11)

צו פארענטען
To Let
צו פארענטען 2 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, פיקסטשורס, ווינדע בלינדס, טעלעפאן צום נוצען. פרעגט 241 גרייס סטריט.
5770-3-3)
58 הונדערט — גרייס סטריט, סאליד בריק, 8 רומס אלע קאנוויניענס.
57 הונדערט — מענינג אריבער קאלעדזש סאליד בריק 8 רומס אלע קאנוויניענס, קליינע קעש.
55 הונדערט — מיידזשאר, סאליד בריק 7 רומס אלע קאנוויניענס.
45 הונדערט אגוסטא, בריק פראנט סטים היט 6 רומס, מעסיגע קעש.
42 הונדערט אקספארד בריק פראנט 6 רומס אלע קאנוויניענס מעסיגע קעש. פרעגען וואלף און סעמועלס 287 ספעדיינא עוועניו.
טעלעפאן טריניטי 0089 אין אווענט טריניטי W 2456.
צו פארענטען א שעהנעם פיער רומיגען אפארטמענט, מיין פלאר, סטים היט, הייסע וואסער א גאנץ יאהר, דזשעניטאר סערוויס. פרעגען 137 גרענדזש עוו. טעלעפאן טריניטי 3614.
5785-3-5)
צו פארענטען א 9 רומיגע הויז, אלע מאדערנע קאנוויניענס, אוק פלארס אויף גארוויל עוועניו, טעל. טריניטי W 3067.
4786)
אפארטמענט 5 רומס און באט, הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס, מעסיגע רענט צו פאראנטווארטליכע טענענטס. פרעגען 20 קארלייל סטריט אדער 440 יאנג סטריט.
5783-3-8)
א סטאר מיט 4 רומס צו פארענטען באהייצט אויף קאלעדזש סטריט, איינגעטרייטע קלינינג און פרעסינג. גוט פאר עני ביזנעס. $50 א מאנאט. פרעגען 326 קווין וועסט.
5780-3-8)

פייפער הענגינג און פיינטינג
איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.
3526-12-177)

פייפערהענגינג און פיינטינג
דער אלט בעקאנטער פייפערהענגער און פיינטער אנאנסירט ספעשעל ביליגע פרייזען. די דזשאבס ווערען געמאכט די בעסטע. צופרידענהייט גאראנטירט.
שאפירא 119½ בארדען סט.
טעלעפאן טריניטי W 9525
5775-3-15)

אינשורעס פאר
פייער, בארגלערי
פלייט גלאסס
עקסידענט און סיקנעס
אטאמאביל, לייף
קענט איהר באקומען דורך
חזן קאפלאן און זוהן
ספעשעל רעפרעזענטיטיווס פאר די
קראון לייף אינשורענס קאמפאני
11 קאלבארן סט.
טעלעפאן מיין 2907
וואוינונג 458 בראנזוויק עוו.
טעלעפאן הילקרעסט 8332

טעלעפאן ערלייד 5615
דר. ס. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

וקול התור נשמע
אלע וויסען, אז אייער פריינד גרין נעמט ווידער אן פייער אינשורענס פאר די בעסטע קאנאדער טאריף קאמפאניעס. אויך אויטאמאביל, פלייט גלאס און עקסידענט אינשורענס ווערט פונקטליך אטענדעט ווי אלע מאל.
J. H. GREEN, 293 Spadina Ave.
Phone Trinity 3774

געלט צו אנטלייען
אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי. טעלעפאנירט אדער זעהט מיך
מ. קאבלענס
81 ליפינקאט סטרים.
טריניטי J 6952

קויהלען און קאוק
פיער, היי, שטרוי, און פעקינג גרעב צו באקומען ביי:
ל. סמיט
און קאמפאני, לימיטעד
444 דאפרען סיידינג.
טעלעפאנס:
לייקסייד 0981
גלעדסטאן 5505
וואג און קוואליטי גאראנטירט.

יעקב מ. בענעט
באריסטער, סאליסיטארס, נאטאריעס, א. ז. וו
104 קאנטינענטאל לייף בילדינג
371 בעי סטריט
טעלעפאן עדלייד 2654
וועסט טאראנטא אפיס: 2782
דאנדעס וועסט דזשאנקשאן 0536
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 0983

אייערע ציין
זענען די שומרים ביי דעם טויער פון אייער געזונד. זענען אייערע ציין גוטע, שטארקע וועכטער? אדער זענען זיי קראנקע, צופוילטע, און פארשאפען אייך גרויס שמערץ?
דר. י. י. לעווין
דענטיסט
באנק אף טאראנטא, קווין און ספעד.
מיין 0598.

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
באטהערסט און דאנדעס סטריטס
טעלעפאן טריניטי 0984
הויז טעל. הילקרעסט 8269
אפען איוונינגס.

קאנטראקטארס
מיר מאכען פארשיעדענע קארפענטער און אלטערייששאנס ארבייט, סטאר פראנטס, ווערענדעס, גאראדזשעס, הארדוואוד פלארינג, שעלווינגס א. ז. וו. צו ביליגסטע פרייזען. צופרידענהייט גאראנטירט.
קיין דזשאב צו קליין אדער גרויס.
קאצמאן און מארען, קארפענטערס און בילדערס, 61 מיידזשאר סטריט. טעלעפאן טריניטי W 6369 אדער טריניטי W 5212
4386-3-2)

כלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פראקטיש
אלס מוהל
און מסדר קידושין.
אלע עלטערען פון קינדער זאלען זיך נעהמען אין אכטונג, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואוינונג 63 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
[illegible]

פרייזען פאר
קלאסיפייד אדווערטייזמענטס
"פארלאנגט" און "צו פארענטען" אדווערטייזמענטס.
25 סענט קעש א מאל ביז 25 ווערטער. פאר 35 סענט, אויב דורך א "משארדזש אקאונט".
יעדעס ווארט איבער 25, ווערט גערעכענט צו סענט א ווארט.
ציפערען ווערען גערעכענט. יעדער ציפער באזונדער אלס א ווארט.
פאר קעפלאך איבער די אדווערטייזמענטס ווערט גערעכענט 25 סענט עקסטרא פאר יעדען מאל.
פאר „באקס סוירוויס" 10 סענט עקסטרא
צו פארקויפען, ריעל עסטייט, ביזנעס טשאנסעס און אלע אנדערע אדווערטייזמענטס אין די קלאסיפייד קאלומס — 2 סענט א ווארט.
קלאסיפייד דיספליי
6 סענט א אגייט שורה
טויט־נאטיצען אדער לויות — פרייז מינימום 5 דאלאר, אנדערע מינימום 3 דאלאר
אדווערטייזמענטס וועלכע נעמט מען דורכ'ן טעלעפאן, נאר פון די יעניגע, וועלכע האבען ניט מיט אונז א "משארדזש אקאונט".
דער "זשורנאל" וועט ניט זיין פאראנטווארטליך מעהר ווי פאר איין ניט ריכטיגע אינסערשאן. אויב מען וועט ניט מעלדען ווען עס איז א טעות אין דעם זעלבען טאג, איז עס דעם אדווערטייזער'ס פארלוסט.

קויפען און פערקויפען
Bought and Sold
פאר $12,500
צו פארקויפען צוויי סטארס מיט וואוינונגען אין קווין איסט לעבען בראדוויו, דער בעסטער ביזנעס בלאק אין איסט ענד, גוט פארענטעד מיט ליעס. גרויסער בארגיין צום גיכען קויפער, מיט א קליינעם אייצאהל. פרעגען 750 קווין איסט, טעלעפאן דזשעראַרד 7863.

עלמווייל, אנטאריא, 85 מייל פון טאראנטא. צו פארקויפען ביליג בריק הויז, 7 גרויסע רומס, פארניס, יארד סטייבעל און שעדס, אין הארץ פון ווילעדזש, פאסיג פאר א פעדלער, פאר א סטאר. פאפולייישאן 12 הונדערט, פאר נאך איינצעלהייטען, טעלעפאנירט: טריניטי W 9778.
***)

צו פארקויפען וואל קייסעס, שאו קייסעס און קעש רעדזשיסטער. 127 יארק סטריט.
5756-3-3)

דזשאב לאט שיך צו פארקויפען. פרעגען מר. ווילסאן 7 יוראן סט.
4770-3-3)

לאנג ברענטש באנגעלא, 5 רומס, דאגלעס פיר טרים, סטאקא סילינג פלייט רייל. פרעגט $2300 קעש. פרעגען „זשורנאל" באקס 773.
5781)

פארלאנגט
Want Ads.
א מענער פרעסער זוכט א דזשאב קאסטימער טיילארינג, אדער אין א שאפ. פרעגען ביים טעלעפאן טריניטי W 4535
5745-3-3)

פארלאנגט אן עקספיריענסד דרייווער פרעגען מאנדעל, 231 מאריא סטריט.
4764-3-3)

פארלאנגט קאוט מאכער צו מענער קאסטאם קאוטס. פרעגען 354 יאנג סט.
4787)

פארלאנגט א פארטנער פאר מענס טיילארינג, ער קען זיין א לײדיס טיילאר טעלעפאן טריניטי W 4018.
5784-3-3).

דער מושב זקנים
פארלאנגט אן אנשטענדיגע פרוי זאל קענען קאכען. זיך ווענדען צום סופעריטענדענט, 31 סיסעל סטריט.
3-4)

פיינטינג און פייפער הענגינג
ווארט ניט אויף די לעצטע טעג פאר פסח, ווען איך וועט קאסטען דאפעלט. ריינעגט אייערע הייזער איצט, ווען די פרימיער פיינט און וואלפייפער סטאר, מאכט אייער ארבייט ביליג און גוט. טעלעפאנירט דזשעראַרד 8529.
1893-3-19)

פייפער הענגינג און פיינטינג
סייפט געלט ביי די אסינגטאן פייפער און פיינט סטאר. מיר פייפערן און פיינטען אייערע הייזער פאר העלפט פון דעם פרייז ווי אנדערע. אונזער ארבייט איז גאראנטירט. אויך פארקויפען מיר פייפער און פיינט. טעלעפאנירט לייקסייד 0947
166 אסינגטאן עוו.
ס. קאטין, אייגענטימער.
5748-3-25)

פייפער הענגונג
פיינטינג
די אימפעריאל וואל פייפער און פיינט סטאר אנאנסירט ספעציעל ביליגע פרייזען פאר פייפערהייגינג און פיינטינג. דזשאבס געמאכט צופרידען ביליג, און גאראנטירט. מיר פארקויפען אויך וואל פייפער און פיינט.
686 קווין סטריט איסט
טעלעפאן דזשעראַרד 9257.
4329-3-26)

פסח איז נאהענט
געלט קיין פוילען און רוסלאנד
ביי פאסט אין 2—3 וואכען
טעלעגראפיש אין 2—3 טעג
מיר ברענגען ארויס פאסאזשירען אויף די בעסטע ליינס.
פרעגט אונז אן וועגען יעדער אימיגריישאן פראגע.
אינפארמאציע פריי.
GRANER & Co.
181 קווין וועסט
פייער אינשורענס, בילדינגס און פורניטשור, און בעסטע קאנאדער טאריף קאמפאניעס.

אין
ניקאלאיס צייטען

אינטערעסאנטער ראמאן פון די לעצטע טעג פון דער רוסישער רעגירונג

פון דר. ר. מ.

(פארזעצונג)

שען וואס מען דארף וויסען.

— היינט אווענט וועל איך דיר ברענגען א פרישען העכט, האט ער איין מאל געזאגט צו נאטאליען. איך מוז דיר מיין לעבען אויפמערקזאם מאכען אויף דעם, דאס זאלאטוכין אינטערעסירט זיך שטארק צו וויסען וואס דאס איז פאר א פיש. ווארשיינליך מוז דאס א וויכטיגער העכט זיין און ווען מיר וועלען אין איהם ענטדעקען א שעדליכען סוביעקט וועלען מיר קייזערליך באלוינט ווערען.

— ווער איז דער נייער העכט? האט זי קאלט געפרעגט.

— ער הייסט גראף נארישקין.

— זעהר גוט, ברענג איהם, איך וועל שוין דערשמעקען ווער ער איז.

— איך האב אבער מורא אז דיר וועט דאס ניט אזוי לייכט אנקומען ווי דו מיינסט. דען ער איז אן אויסגעריבענער, דורכגעטריבענער יונגער מאן. מיט איהם דארף מען גאר אנדערש ריידען אנדערש האנדלען, די מינדעסטע פארזיכטיגקייט קען איהם די אויגען עפענען ער זאל דערזעהען וואס מען וויל מיט איהם טאן — דו פארשטעהסט?

— אזא קלוגע זאך איז דאס?

— אז איך זאג דיר ער איז קלוג קאנסטו מיר גלויבען. דו ווייסט דאך אז איך בין א מבין אויף א מענשען.

— גוט וואס דו האסט מיר געזאגט וועל איך שוין וויסען וואס איך האב צו טאן מיט אזא קלוגען קאפ, ער איז נאך א יונגער מאן?

— ניט מעהר ווי צוואנציג יאהר אלט.

• אזוי יונג און שוין אזוי קלוג?

— יא נאטאליא, איך ווייס אז דו וועסט ערשטוינט ווערען אלס דו וועסט מיט איהם ריידען. מיט איין קוק אין זיינע קלוגע אויגען וועסטו באלד דערקאנען אז ער איז ניט געוועהנליכער מענש.

— דו מאכסט מיר זעהר נייגעריג איהם צו קענען.

— דו וועסט איהם שוין היינט אווענט האבען פאר א גאסט, דען ער האט מיר פארשפראכען אום אכט אוהר אונז צו בעזוכען.

פאדליעצאוום ווערטער האבען נאטאליען ווירקליך זעהר נייגעריג געמאכט זי האט קיין מאל געהערט ער זאל אזוי לויבען א יונגען מאן. זי האט פארשטאנען אז דאס מוז זיין א אינגעל גאר פון אן אנדער הדר.

זי האט מיט אונגעדולד ערווארטעט די אכטע שטונדע אום דעם נייעם העכט שוין צו זעהן.

ריכטיג אום אכט אוהר אווענדס האט איהר דער בעדינטער געמעלדעט אז א נייער גאסט מיט דעם נאמען גראף נארישקין ווינשט מיט דער גנעדיגער גרעפין צו ריידען.

פיהר איהם אריין אין סאלאן, האט נאטאליע ראש געענטפערט און אלס דער באדינטער איז געלאפען איהר באפעהל צו טאן, איז זי צוגעלאפען צום שפיגעל האט זיך איינינע מינוטען בעטראכט און איז ארייננעגאנגען אין זאאל.

זי האט דארט געטראפען אן עלעגאנט געקליידעטען יונגען מאן וואס האט זי מיט זיין שעהנהייט איבערראשט. ער איז געווען הויך און שטארק געוואקסען, אלע זיינע געזיכטסציגע זענען געווען ווי פון א מייסטערהאנד אפגעטאקט. אין זיינע בלויע שעהנע אויגען איז געלעגען ווי א מאגנעטישע קראפט וואס האט צו זיך צוגעצויגען דעם צווייטענס הערץ און בליקען. זיין גאנצע האלטונג איז געווען ווי פון א געבארענעם פרינץ.

ער האט זיך העפליך פארנייגט אלס ער האט פאר זיך דערזעהן נאטאליען און האט מיט א קלינגענדע שטימע געפרעגט:

האב איך די עהרע צו ריידען מיט דער גרעפין פאדאלין?

— יא, מיין הער, איך בין גרעפין פאדאלין, האט זי זעהר פריינדליך געענטפערט.

— עס פרייט מיך זעהר זיי צו קענען, איך האב דאס פארגעניגען זיך פאר אייך פארצושטעלען: גראף נארישקין!

— זעהר, זעהר אנגענעהם! האט זי געזאגט איהם די האנד דריקענדיג. מיין מאן האט מיר פון זיי הער גראף דערצעהלט,, איך האב אויך זייער נאמען פיעל מאל געהערט, איך בין גליקליך אייך אין מיין הויז צו זעהן

דאס ווארט גליקליך האט זיך געגען איהר ווילען פון איהר שעהנעם מויל ארויס געכאפט. זי האט באלד חרטה געהאט וואס זי האט דאס געזאגט, דען זי האט פארשטאנען אז פאר א גרעפין פאסט ניט זי זאל א גאסט צום ערשטען מאל אזא קאמפלימענט מאכען. אבער עס איז שוין געווען פארפאלען און צווישען זיי האט זיך פארוויקעלט א פריינדליכער געשפרעך.

41־טער קאפיטעל.
דער מלאך אין גיהנום.

מיר האבען שוין לאנג ניט געזעהען דעם גענעראל קראשעווסקי.

אויף איהם קען מען ווירקליך זאגען אז אין קבר האט זיך צו איהם געוויזען די זון, אום זיין שרעקליכע פינסטערניש צו באלייכטען: ער האט אין דעם נייעם וועכטער וואס איז געווארען אויף סאמאילאוו'ס ארט דערקענט דעם גראף פאשקעוויטש וועלכען ער האט אימער בעטראכט ווי זיין אייגען קינד, דעם גראף פאשקעוויטש וועלכער האט בעדארפט זיין ליעבער מאטהילדא'ן הייראטען.

דא איז געווען א זיהערענדע סצענע אלס פאשקעוויטש האט צום ערשטען מאל איהם דא אין דעם פינסטערען קבר אנגערופען פאטער.

דער אלטער גענעראל וועלכער איז נאך אליין שוואך געווען און איז אימער געווען פארזונקען אין זיינע טרויעריגע געדאנקען, האט גאר ניט באמערקט אז ער האט א נייעם וועכטער באקומען און פלוצלינג האט ער דערהערט א בעקאנטע שטימע: פאטער, אונגליקליכער פאטער, לאזט מיר זיך אויסוויינען אויף אייער ברוסט.

ער האט געמיינט אז ער טרוימט, אדער אז ער איז ניט ביי זיין קלאהרען פארשטאנד. פאשקעוויטשעס שטימע האט אין זיינע אויערען געקלונגען אבער איז דאס דען מעגליך אז דאס זאל ווירקליך זיין פאשקעוויטשעס שטימע? ער האט דארום ניט געענטפערט און האט זיך אויפמערקזאם איינגעהערט, פיליכט וועט דער זיסער טרוים נאכאמאל די זיסע שטימע, די צארטע ווערטער איהם לאזען הערען.

און אויף דאס ניי האט פאשקעוויטשעס שטימע אויסגערופען וויינענדיג: גענעראל! איהר געפינט זיך יעצט ניט אליין, נעבען אייך שטעהט דער מאן וואס האט צוליעב אייך פארבויטן דעם טיטעל גראף אויף דעם נאמען וועכטער פון געפענגענים, פאר אייך שטעהט אייער זוהן, אייער מאטהילדא'ס חתן וויקטאר פאשקעוויטש.

יעצט האט זיך דער גענעראל אומגעקוקט, פאר דעם שוואכען שיין וואס האט ארייננעדרונגען דורך דעם קליינעם פענסטער פון זיין געפענגניס, האט ער דערזעהן דעם נייעם וועכטער, ער האט זיך אין איהם איינגעקוקט און האט אויסער זיך פאר איבערראשונג א געשריי געטאן: וויקטאר מיין זוהן! איז דאס קיין טרוים?

דאס איז קיין טרוים פאטער! האט וויקטאר געענטפערט פאלענדיג דעם גענעראל אויף דעם האלז, זיי האבען ביידע א היבשע צייט ניט געקענט ריידען נור טרעהרען, הייסע טרעהרען האבען זיך פאר זייערע אויגען גענאסען; דער אלטער האט געכליפעט ווי א קליין קינד און וויקטאר האט אויף איהם קוקענדיג אויך ביטער געוויינט.

— וויקטאר מיין זוהן! האט ענדליך דער געפאנגענער אויסגערעדט, דו ביזט דא? זאל איך דאס גלויבען?

— איהר פארשפארט צו גלויבען פאטער, איהר זעהלבסט זעהט מיך יעצט נעבען אייך.

— אבער אום גאטעס ווילען, ווי קומסטו אהער?

— אייער מאטהילדא האט מיך אהער געשיקט.

— מיין מאטהילדא? האט דער גענעראל א געשריי געטאן, און ווי שוואך ער איז געווען, האט ער זיך דאך אויפגעזעצט און האט בעטראכט וויקטארן מיט פארשטענדע בליקען. מיין מאטהילדא קענסטו?

— יא, אייער טאכטער, מיין טייערע כלה מאטהילדא.

— וואו? וואו איז זי? האט דער אלטער געשטאמעלט.

— זי איז דא אין יאקוטסק.

— דא? אין יאקוטסק! גרויסער גאט אין הימעל! מיין טאכטער איז דא אין יאקוטסק?

— יא פאטער, זי איז אין יאקוטסק.

— ווי קומט זי אהער? וואס טוט זי דא? האט מען פיליכט זי אויך אהער אלס פארברעכערין פארשיקט?

— בערוהיגט אייך פאטער, זי איז מיט איהר גוטען ווילען אהער געקומען מיט דעם איינציגען ציעל אייך פון אייער אונגליק צו רעטען.

— זי וויל מיך פון מיין אונגליק רעטען? מיין שוואכע ליעבע טאכטער וויל מיך פון טיגערישע צייהן ארויס־

(ווערט פארגעזעצט)

דער ריכטיגער בלענד
"SALADA"
TEA

טיי פון ארום דרייסיג פארשיעדענע גערטנער זענען צוזאמענגעמישט צו געבען סאלאדא דעם באזונדערען געשמאק. עס איז אן אמת'ע איבעראשונג. פראבירט עס.

פיער און צוואנציג שעה אין טאראנטא

481 טויטע אין חודש פעברואר

די צאהל פון געשטארבענע אין חודש פעברואר, ווי באריכטעט פון „העלט דעפארטמענט" איז געווען 481, כמעט אזוי פיעל ווי עס איז פארגעקומען אין יאהר 1924.

צווישען די טויטענפעלע איז פארצייכענט 54 נוימאניע קראנקע, 51 הארץ קראנקהייטען, 51 קאנסער קראנקע, און 16 אינפלוענציע פעלען.

געשלאגען פון ווייב

דזשיימס בראון, 45 יאהר אלט פון 304 ערלייר סטריט, געפינט זיך איצט אין סט. מייקעלס האספיטאל, אלס רעזולטאט פון די קלעפ, וועלכע ער האט געכאפט מיט אן אייזען איבער'ן קאפ, פון זיין אייגענע אשת חיל, וועלכע ער סופארטעט, און וועלכע איז באטיטעלט מיט'ן נאמען זיין בעסערע העלפט.

ווען מען האט איהר ארעסטירט און אפגעפיהרט אין פאלים סטיישאן, האט זי זיך ענטזואגט אנצוגעבען איינצעלהייטען ביז צו א וויטערען פארהער.

צובראכען די נאז פאלענדיג

ט. פלאמטרי פון 1574 קינג וועסט, האט נעכטען נאכט זיך צובראכען די נאז פאלענדיג אויפ'ן גאס.

נאכדעם ווי ער איז באהאנדעלט געווארען פון א דאקטאר, האט מען איהם געמוזט אפפיהרען אין האספיטאל.

א צווייטער צופאל

עטעל בענטאו, פון 89 קלערמאנט סטריט, איז געפאלען פאר איהר הויז און זיך אזוי צושלאגען אז מען האט איהר געמוזט אפפיהרען אין וועסטערן האספיטאל.

ארעסטירט פאר משקה

מערי בענגי, מארגארעט ענדערסאן, טילי שטיין, און טאני קאסטעלא, זענען ארעסטירט געווארען פאר משקה האנדעל.

א פייער אין נארטערן לייף בילדינג

אין דעם בילדינג פון דער נארטערן לייף קאמפאני, 615 יאנג סטריט, האט נעכטען גאנץ פריה אויסגעבראכען א פייער, און געדראהעט די לעבענס פון די איינוואוינער.

פועלע פון זיי האבען זיך זעלבסט גערעטעוועט, די וועלכע זענען אבער שטארק געשלאפען האבען געמוזט געראטעוועט ווערען דורך די פייערלייט.

דער שאדען איז א הישער.

א „סטאוו" אויפרייס

מרס. עליזאבעט פעטיס, פון 48 אסינגטאן עוועניו, און איהרע קינדער, וועלכע האבען זיך געפונען אין הויז, געפונען זיך איצט שטארק באשעדיגטע אין האספיטאל, פון אן אויפרייס וואס עס האט פאסירט ביי זיי אין הויז.

מרס. פעטיס האט אונטערגעצונדען דעם סטאוו, און נאכהער גענומען אריינלייגען קויהלען. מיט אמאל האט זיך דערהערט א שטארקער אויפרייס, דער סטאוו איז צוריסען געווארען, און שטיקער אייזען האבען איהר צוזאמען מיט די קינדער שטארק באשעדיגט.

די ארומיגע שכנים, וועלכע זענען גלייך אריינגעלאפען, הערענדיג דעם אויפרייס, האבען זי געפונען ליגענדיג אויפ'ן פלאר אין א קאלוזשע בלוט.

מען גלויבט אז א קויל האט אויפגעריסען און פארורזאכט די צושטערונג פון סטאוו.

צושניטען מיט א רייזאר

אונזער שטערטעל וועט נאכן פאר

פולאר פון רויב און מארד אנפאלען. אין פאלים קאורט, פונקט ווי אין אנדערע פאלים סטיישאנס, ווערען יערען טאג פארצייכענט א היבש ביסעל פארפאלען.

נעכטען אווענט איז פארצייכענט געווארען נאך א צופאל ווען ה. גיידי פון 275 קווין וועסט, איז געפונען געווארען אויפ'ן גאס א צושניטענער מיט א רייזאר איבער'ן געזיכט, ווי אויך איבער'ן קערפער. ער איז געווען אזוי צושניטען אז מען האט איהם געמוזט מאכען 36 „סטיטשעס".

דער אנפאלער, וועלכער האט אנגעגעבען זיין נאמען אלס מאריס, איז ארעסטירט געווארען.

ביידע זענען שווארצע.

נעכטיגע פייער'ען

אין לויף פון נעכטיגען טאג זענען די פייערלייט ארויסגערופען געווארען צו לעשען פייערען אין פאלגענדע פלעצער.

סט. קלעיר עוו. 8 פייערען, קינג סטריט 6, ראועס עוו. און לענדסדאון, 215 טשוירטש סטריט, 2476 יאנג סטריט, דאנדעס גאראדזש און טשוירטש און דזשעראהד סטריט.

נעכטען די שלום רעדעס

אין לויף פון נעכטיגען טאג איז אין קווינס פארק פארענדיגט געווארען די דעבאטע אין באצוג די טראהן רעדע, וועלכע איז געהאלטען געווארען פון פרעמיער פוירגוסאן, וועלכע נעהמט אויך אריין דעם אמענדמענט פאר שטארקערע ביער.

איצט וועט מען איבערגעהן צו שטימען אויפער די טראהן רעדע.

וואו תורה דארט איז חכמה

דאקטאר (צו זיין פרוי): — דו ווייסט אז דער רייכער מיסטער בלום איז שוין דא ביי מיר א לאנגע צייט ניט געווען מיט זיין מאגען טראבעל, איך רעכן, אז דו זאלסט איהם איינלאדען אויף א דינער...

אויסגעמאטערט די גאנצע צייט
נערוועז האבען ניט געלאזט רוהען

פארלייכטערט ביי לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד.

הערואסמיטה, אנטעריא. — "איך האב איינגענומען אייער מעדיצין אידער מיין בייבי איז געבוירען געווארען און עס איז פאר מיר געווען א גרויסע הילף, ווייל איך בין געווען זעהר שלעכט אָב ביז איך האב עס אנגעהויבען איינצונעהמען. איך האב פונקט געפיהלט ווי איך וואלט די גאנצע צייט געווען אויסגעמאטערט און איך פלעג חלש'ן. מיינע נערוועז פלעגען מיר בארערען און כ'פלעג ניט קאנען רוהען ביי־נאכט. מיינע א פריינדין האט מיר געזאגט אז איך זאל איינגעהמען לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד. איך האב אויסגענומען בלויז עטליכע באטעלס, און עס האט מיר געהאלפען וואונדערבאר. איך וואלט עס רעקאמענדירט צו אירגענד־וועלכער פרוי. איך טו וואס איך קאן צו פאבלישען דיזע גוטע מעדיצין. איך לויב דעם קליינעם ביכעל וואס איהר האט מיר געשיקט צו יעדען איינעם וואס איך קאן העלפען. איהר קאנט מיט'ן גרעסטען פארגעניגען נוצען מיין נאמען אין באצוג צו די וועדזשעטייבעל קאמפאונד אויב עס וועט דיענען צו העלפען אנדערע." — מרס. הארווי מיליגען, ר. ר. נומער 2, הערואסמיטה, אנטעריא.

אין לעצטען "קענוועס" פון קויפער פון לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד זענען דערהאלטען געווארען מעהרער ווי 100,000 ענטפערס און 98 פון יעדע הונדערט האבען געזאגט אז זיי ווערען געהאלפען דורך איהר געברויך. דיזע מעדיצין ווערט פארקויפט ביי אלע דראגיסטען.

ווילסטו קענען א פאלק, גיה אריין אין זייערע — שולען.

* * *

וואס טויג דער זיין א קינסטלער־פון־ווארט, אז מען איז א קאליקע — פון געדאנק?

עטוואס צו פארקויפען?

איהר וועט זיין איבערראשט ווי שנעל
איהר קענט קריגען א קאסטימער דורך

א קליינעם „וואנט-עד" אין
„אידישען זשורנאל"

די „וואנט עד" קאלומס פון „טעגליכען אידישען זשורנאל" עפענען פאר אייך א רייכען מארקעט פון קויפער. א קליינע „וואנט-עד" וועט דערציילען זיי אייער געשיכטע

די לעזער פון זשורנאל זיינען מענשען, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין —

קויפען און פארקויפען ריעל-עסטייט;
קויפען און פארקויפען פארניטשור;
קויפען און פארקויפען א ביזנעס;
קויפען און פארקויפען אלעס וואס קען געקויפט און פארקויפט ווערען.

זיי זיינען שטענדיגע לעזער פון די וואנט־עד פון „טעגליכען אידישען זשורנאל"

אונזערע לעזער זיינען ווינשענסווערטע קאסטימער

פאר אינפארמאציע טעלעפאנירט

3967 עדלייד 3967

251-253 QUEEN ST. WEST

טאג איין-טאג אויס

אלעמאל די זעלבע לייכטקייט, ווייסקייט, זיסקייט און אפעטיטנער טעם — יעדער לאבען טראגט — זיין אייגענע גאראנטיע פאר קוואליטעט — ווייל קענערע ברויט איז קוואליטעט ברויט.

באטער-נאט ברויט

"פעט ווי פוטער — זיס ווי ניס!"

פון אייער גראסער — דעם קענעדע ברויט סיילסמאן אדער טעלעפאנירט הילקרעסט 0760.

Canada Bread Co. Ltd

Fry's for economy
FRY'S PURE BREAKFAST COCOA

א גרויסע קאפ קאכענדיגע הייסע פריי'ס קאקא — אזוי דערווארימענדיג און געשמאק — איז די בעסטע פון אלע שפייזען פאר א וואקסענדיגע קינד. נוצט עס אלע טאג — פאר עכטער עקאנאמיע. נאר געדענקט: „קיין זאך וועט עס טאן, נאר פריי'ס"

J. S. FRY & SONS (Canada) Limited
MONTREAL

178

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at G. P. O, Toronto Ont.
January 22nd 1913

אויף דער בריק פון פאראייניגונג

די אומפארטייאישע קאנפערענץ, איינבארופען אין ניו־יארק לעצטען זונטאג, האט אנגענומען א באשלוס זיך צו באטייליגען אין דער אידישער אגענטור, און ארבייטען געמיינשאפטליך פאר דער אויפבוי פון ארץ ישראל.

די זעלבע קאנפערענץ, פארשטעהט איך, אז דער קרן היסוד פאנד ווערט דער פאנד פון דער אידישער אגענטור, וועלכע וועט דארפען פאר איהם זארגען און איהם פארוואלטען.

די ניט־ציוניסטען האבען ערקלעהרט, אז זיי אינדארסירען די אידישע אגענטור, ווייל דאס איז אין איינקלאנג מיט זייער דאקטרין פון א ניט־פאליטישער פאלעסטינע־ארבייט אין ארץ ישראל.

קיין צווייפעל ניט, אז דער שריט איז ווערט באגריסט צו ווערען פון אלע די, וועלכע זארגען זיך פאר'ן גורל פון אידישען פאלק, און ווילען זעהן א פארווירקליכטע היים אין ארץ ישראל. דער צוזאמענקונפט האט אבער נאך א באדיטונג און וועגען דעם מעג געזאגט ווערען עטליכע ווערטער.

די ניט־ציוניסטען וועלכע האבען זיך ערקלעהרט גרייט מיטצוארבייטען אין דער אידישער אגענטור זענען אידען, וועלכע באטראכטען זיך אלס אונזערע שתדלנים. זיי זענען עס די, וועלכע פרבירען בעטלען ביי יעדער אידישער צרה אביסעל רחמנות פאר אונז. זיי האבען אבער קיינמאל ניט פראבירט צו קומען אין נאהענטער באריהרונג מיט אונז, באקאנט צו ווערען מיט אונזערע נויטען און פארלאנגען.

די איצטיגע צוגעקומענע אידען צום קרן היסוד זענען סאלאן־מענשען וואס האבען ליעב צו קומען מיט פארלאנגען, פון קיינעם ניט געשיקט און וועלכע ווערען דערפאר פון צייט צו צייט פון אונז ביטער באקעמפט.

דאס וואס עס האט ניט געקענט טאן דער צוזאמענגערופענער אידישער קאנגרעס, ווערט איצט פארווירקליכט דורך דער אידישער אגענטור, און אבוואהל עס מיינט איסדריקליך א ניט־פארטייאישער פאלעסטינע־קאמיטעט, מיינט עס אבער אויך א צוזאמענקונפט פון אלע קלאסען אידען, א דערנעהנטערונג פאר אידישע אויפבוי ארבייט, א פאראייניגונג פאר פאלקס אינטערעסען.

עס ווערט פארשטאנען, אז ארץ ישראל קען בלויז געבויט ווערען דורך דער איניציאטיווע פון גלות, דורך חלוצים, און מיט געלט, דערצו מוז געשאפען ווערען א פאראייניגונג אין גלות. און דאס איז דער צוזאמענשטעל פון דער אידישער אגענטור, וואס דארף ווערען די אידישע שטימע אין גלות, וואס דארף שאפען די אומפארטייאישע באוועגונג פאר ארץ ישראל.

מיט דער פארווירקליכונג פון ארץ ישראל, ווערט אלץ א גרעסערער חוב געלייגט אויף די אידען אין גלות. יעדער נייער אידישער ישוב, יעדע געשאפענע קביצה, מיינט מעהר פאראנטווארטליכקייט פון די גלות אידען צו זייער היימלאנד, און דעם חוב צו צאהלען, מוז דאס גאנצע פאלק וויסען זייערע אויפגאבען. דארף דאס גאנצע פאלק זיין פאראייניגט, און דערפאר מעג דער ערפאלג פון דער קאנפערענץ באגריסט ווערען פון אלע קלאסען אידען, וועלכע זענען פאראינטערעסירט מיט זייער אייגענעם גורל.

היינט צו טאג זענען מיר ניט מעהר קיין שתדלנות פאלק. מיר פאראכטען שתדלנים אויף אייגענער איניציאטיווע. מיר שטרעקען אבער אויס א ברודער־האנט צו די אלע וועלכע קומען צו אונז זיך טיילען מיט אונזער שיקזאל, און העלפען שאפען אן אייגענע אידישע היים.

מה שלא עשה השכל, יעשה הזמן. דאס איז א גוט באקאנט שפריכווארט, וואס דער פארשטאנד טוט ניט, טוט עס די צייט, און די איינשטימיגקייט פון די ניט־ציוניסטען צו דער אידישער אגענטור, אין וועלכער עס וועלען זיין פארטראטען אלע קלאסען אידען, זעהען מיר א נייעם אנהויב פון א פאראייניגטע אידיש לעבען אין אמעריקע, א פאראייניגונג פון א פאלק, וואס איז געווען פרעמד און צושפליטערט צו זיינע אייגענע נויטען.

מיר זעהען אין דעם אן אנהויב ניט נאר בלויז פאר ארץ ישראל, נאר אויך א פאראייניגונג אין גלות, אין די לענדער וואו דאס אידישע פאלק איז צעזייט און צושפרייט.

צוואנציג טויזענט דאלאר א יאהר פאר א ראביי

(נ. ס. ז.)

דער ניו־יארקער רעפארם־טעמפעל „עמנואל", איינער פון די רייכסטע טעמפלען אין לאנד, האט געהעכערט דאס געהאלט פון די ראביים פונ'ם טעמפעל ביז צוואנציג טויזענד דאלאר א יאהר.

דער „אמעריקען היברו", וואס קען פאררעכענט ווערען פאר'ן לייט־ארגאן פון יענע אידען, רעדענדיג וועגען דער דאזיגער פאסירונג, באמערקט דערביי, אז טראצדעם וואס צוואנציג טויזענד דאלאר א יאהר, קוקט אויבענאויף צו זיין א גרויסע סומע, איז עס אבער גוט אין דער הינזיכט, וואס עס לאזט דעם גייסטיגען פיהרער פילשטענדיג פריי פון וועלכע עס איז פינאנציעלע זארגען, און ער קען זיך אין גאנצען אפגעבען מיט די נויטען פון זיין קהלה. די צייטונג באמערקט אויך דערביי, אז עס זענען פארהאן אין אמעריקע איבער א האלבען טוץ „ראביים", וועלכע באקומען ארום 15 טויזענט דאלאר א יאהר, און מעהר ווי פערציג קריגען פון 10 טויזענט דאלאר און מעהר.

מיר שטעלען זיך אפ אויף דעם פאקט, ווייל די פראגע איז שוין עטליכע מאהל באריהרט געווארען אין אונזער צייטונג, הויפטזעכליך אין צוזאמענהאנג מיט אונזערע „בשר כשר" געשיכטעס.

מיר האבען שטענדיג אנגעציינט אויף דעם, אז די הויפט־אורזאכע פון דער קריגעריי איז דאס, וואס אן ארטאדאקסישער רב ווערט ניט באזארגט מיט גענוג מיטלען צום לעבען, און ער איז דארום ווילענדיג אדער ניט־ווילענדיג געצוואונגען צו זוכען פרנסה פון הכשרים א. ד. ג. און דאס פאראורזאכט קאנקורענץ, סקאנדאלען, און אויך קריגעריי.

ווען אונזער אידישע ארטאדאקסיע וואלט זיך אפגעלערנט פון דעם רעפארם־אידענטום, מעהר צו זארגען וועגען זייערע רבנים, אויב ניט מיט צוואנציג טויזענט דאלארדיגע געהאלטען, איז כאטש מיט אנשטענדיגע שכירות, וואלטען א סך סקאנדאלען אינ'ם אידישען לעבען פארמיעדען געווארען, און די רבנות וואלט צוריק געשטעלט געווארען אויף איהר געהעריגער הויך.

* * *

ניט ווייניג מענשען אין שטאט וועלען דערווייל ציטערען פאר א נייער ערד־ציטערניש.

און אנדערע האבען עס גאר ניט געפיהלט.

„פינאקעל"־שפיעלער האבען זיכער געהערט צו די לעצטע.

* * *

דער מאסאטשוזעטער סענאט האט אפגעשאפט דעם געזעץ, וואס האט פארבאטען פרויען צו טראגען שפילקעס אין זייערע היט, וועלכע שטעקען ארוים איבער צוויי אינטשעס.

א סך מענער וועלען ווייטער באקומען צודראפעטע נעז.

אדאלף קראוס.

צו זיין 75 יעהריגען געבורטסטאג.

פון ב. סמאליאר

פון איירעפא ביז אמעריקא איז א ווייטער וועג; פון א סיגאר מאכער ביז צו איינעם פון די פראמינענטסטע מענשען אין דער וועלט איז דער וועג נאך א גרעסערער. אדאלף קראוס, דער גרויסער לאיער, דער חשוב'ער אידישער פיהרער, און דער אינטערנאציאנאלער פרעזידענט פון דעם אלוועלטליכען ארדען "בני ברית" האט ביידע וועגען דורכגעמאכט.

ווען אדאלף קראוס איז, מיט זעכציג יאהר צוריק, אנגעקומען אלס פופצעהן־יעהריגער אינגעל איינער אליין פון דעם קליינעם טשעכאסלאוואקישען שטעדטעל ראקיקאן אין דער גרויסער אמעריקא האט ער ניט געוואוסט וואס פאר א גורל איהם ערווארטעט אין דער צוקונפט אין די פאראייניגטע שטאאטען. ער האט ניט געוואוסט אז איהם וועט אמאל אויסקומען צו זיין דער יעניגער וואס וועט זיך דארפען אננעהמען די קריוודעס פון די אידען אין דער צארישער רוסלאנד, אין דעם אנטיסעמיטישען דייטשלאנד, אין דער אידען פרעסערישער רומעניען, און אנדערע קליינע מלוכה'לאך.

און אונערפאהרענער, ערשט געענדיגט סקוהל, איז ער פון זיין קליינעם, רוהיגען טשעכא־סלאוואקישען שטעדטעל אנגעקומען אין דער ברויזענדער און קאכיגער אמעריקא. די גרויע ווירקליכקייט פון דעם טאג טעגליכען לעבען איז איהם אנטקעגען געקומען גלייך ווי ער איז פון דער שיף אראפ. ארבייטען האט ער געדארפט. ארבייטען פונקט ווי יעדער אנגעקומענער אימיגראנט, זוכען זיך מיטלען צום לעבען האט ער בעדארפט.

און דער יונגער 15 יאהריגער קראוס איז געווארען א סיגאר־מאכער.

שווערע ארבייט, לאנגע שטונדען און קליינעם געהאלט — דאס זיינען געווען די ערשטע באגעגנישען פאר דעם איינגעוואנדערטען יונגען בחור. אבער דאס איז נאך ניט געווען אזוי שלעכט. נאך ערגער איז געווען ווען גלייך אין די ערשטע טעג פון זיין ארבייט איז צו איהם צוגעגאנגען דער בעל הבית פון דער סיגאר פאבריק און איהם געלאזט וויסען אז ער טויג ניט און אז ער וועט דאך מעהר ניט קאנען ארבייטען.

"עס איז ארויסגעווארפען דיין ארבייט, דו האסט ניט קיין שכל צו פארשטעהן ווי מען מאכט א סיגאר. עס וועט קיין סיגאר מאכער פון דיר קיינמאל ניט ארויסוואקסען".

אזוי האט איהם געזאגט דער בעל הבית און איז גערעכט געווען. קיין סיגאר מאכער איז טאקע פון דעם יונגען קראוס'ן ניט אויסגעוואקסען. א שעהנע און אנגעזעהענע פערזענליכקייט מיט וועלכער דאס אידענטום פון דער גאנצער וועלט קאן שטאלצירען איז אבער פון איהם יא אויסגעוואקסען.

עס איז איבעריג צו זאגען אז ניט אזוי גרינג און ניט אזוי שנעל איז פון דעם איינגעוואנדערטען אדאלף קראוס געווארען אט יענער קראוס וואס ווערט איצט אזוי חשוב און פולמעסיג רעספעקטירט פון גאנץ אמעריקא. א לאנגען וועג איז איהם אויסגעקומען דורכצומאכען. א וועג פון הונגער און נויט, וואס איז דען קראוס אין די ערשטע פינף יאהר פון זיין אנקומען קיין אמעריקא דא ניט געווען א פעדלער, א לעהרער פון דייטש א סוילסמאן פון שיך, אן אנגעשטעלטער אין א דריי גודס סטאר, און וואס ניט?

"מיט צוויי סענט אין מיין קעשענע און מיט מיין פעקעל אויף די פלייצעס האב איך זיך געלאזט וואנדערען איבער אמעריקא צו זוכען ארבייט", דערצעהלט איצט אדאלף קראוס אין נחת. "און איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען ווי, אנקומענדיג איינמאל אין א שטעדטעל ערגעץ אין דער סאוטה, א הונגעריגער, א מידער און א דורשטיגער, האב איך דארט אין א פרוכט געשעפט דערזעהן אין א פענסטער שעהנע גרויסע עפעל. דער פרייז פון אן עפעל איז געווען אנגעצייכענט — 2 סענט, פונקט אזוי פיעל וויפיעל מיין גאנץ פארמעגען איז באשטאנען. א לאנגע צייט בין איך געשטאנען און זיך געיישוב'ט: זאל איך מיין גאנץ פארמעגען אויסגעבען אויף איין עפעל? און וואס וועט זיין שפעטער?

די עפעל זענען אבער געווען רויטע, פרישע זאפטיגע. זיי האבען גערייצט סיי מיין בליק, סיי מיין אפעטיט. וואס זאל איך דא טון?

"ענדליך — דערצעהלט קראוס ווייטער — האב איך זיך ניט געקאנט איינהאלטען. צו שטארק איז געווען דער נסיון אז איך זאל איהם קאנען ביישטעהן. איך בין אריין אין פרוכט געשעפט און צווישען מיר מיט'ן בעל הבית פון פרוכט געשעפט איז פארגעקומען אזא געשפרעך:

— אפשר קאנט איהר מיר פארקויפען א קלענערען עפעל און נעהמען בלויז איין סענט? — האב איך דעם בעל הבית געפרעגט.

יענער האט מיר מיט זיין בליק אפגעמאסטען פון קאפ ביז די פיס און זיך ניט געוואלט צו ענטפערען. מיין אפעטיט האט מיר אבער ניט געלאזט ווארטען ביז דער פרוכט הענדלער וועט אמאל זיך דערמאהנען מיט געבען אן ענטפער. איך האב דערפאר פארגעזעצט:

— איהר זעהט, האב איך איהם גע־פרובירט ערקלעהרען, מיין גאנצער קאפיטאל באשטעהט בלויז פון צוויי סענט, נו קאן איך דאך ניט אויסגעבען מיין גאנץ פארמעגען בלויז אויף איין עפעל.

דער פרוכט הענדלער האט, ווייזט אויס, דאס נאך פריהער פארשטאנען. ער האט אראפגענומען צוויי עפעל און געזאגט:

נא, דא האסטו צוויי עפעל פאר א סענט — —

און אונטער אזעלכע אומשטענדען האט אונזער יונגער אימיגראנט פון טשעכאסלאוואקיע אויסגעשפאצירט גאנץ אמעריקא. וואו איז ער דען ניט געווען? אין טענעסי, אין קליוולאנד, אין אלבאמא און אין מאסאטשוסעטס, אין אטלאנטא און אין מישיגען, ביז —

ביז ער איז אין יאהר 1871 אנגעקומען קיין שיקאגא.

שיקאגא האט דאן נאר וואס געהאט איבערגעלעבט דעם גרויסען היסטארישען פייער. די שטאדט האט זיך נאכ'ן פייער אנגעהויבען בויען צוריק, און דארט האט דער יונגער קראוס באשלאסען זיך צו באזעצען.

"צוזאמען מיט דער בויאונג פון שיקאגא וועל איך מיר אויך דא בויען מיין ווייטערדיג לעבען" האט קראוס געזאגט.

און קראוס איז שוין צו יענער צייט אלט געווען צוואנציג יאהר, האט אנגעפאנגען בויען זיין לעבען דורך שטודירען פאר א לאיער.

אויב פאר א סיגאר מאכער האט דער יונגער קראוס ניט געטויגט, האט ער אבער זיך ארויסגעוויזען צו זיין זעהר פעהיג אין זיין שטודיום אלס לאיער. עס האט איהם ניט גענומען לאנג, ער האט געענדיגט זיין קורס און האט אנגעהויבען צוציהען צו זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט אלס ערפאלגרייכער לאיער, וועמענס קייסעס ענדיגען זיך אלעמאל לטובת זיינע קליענטען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האט שיקאגא אויסגעפונען אין דעם יונגען לאיער איינעם פון די פעהיגסטע צו מוניסיפאלער און בריטער געזעלשאפטליכער ארבייט. עס האט ניט גענומען לאנג, און קראוס איז שוין געוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון שיקאגא באארד אוו עדיוקיישאן. שפעטער האט מען איהם שוין געקאנט זעהן אלס דער סיטי קארפארייש*אן לאיער פון שיקאגא, נאך שפעטער אלס דער קאמישאנער פון דער סיוויל סערוויס קאמישאן.

און אזוי איז קראוס, דער זעלבער קראוס וואס מיט אייניגע יאהר צוריק האט ער זיך געוואלגערט אין הונגער און נויט אין די קליינע שטעטלאך פון דער סאוטה, זיך געוואקסען אין שיקאגא. און וואס מעהר ער איז געוואקסען אלץ באליעבט איז ער געווארען און אלץ מעהר איז געוואקסען צו איהם דער צוטרוי פון דער גאנצער באפעלקערונג אין שיקאגא, די אידישע אזוי גוט ווי די ניט אידישע.

און וואקסענדיג אין פרעסטיזש און אין טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון אלגעמיינער ארבייט, האט דער ערפאלגרייכער אדאלף קראוס אויך ניט פארגעסען אז ער איז א איד, אז ער דארף עפעס טון פאר די אידען אויך. און ער האט עס געטון.

אלס פרעזידענט פון די בני ברית, איז ער דאס געווען דער יעניגער וואס האט ארגאניזירט א צוזאמענטרעף פון אן אמעריקאנער אידישער דעלעגאציע מיט דעם רוסישען פרעמיער מיניסטער וויטע פון וועלכען די אידישע דעלעגאציע האט געפאדערט אז אידען אין רוסלאנד זאלען נישט באהאנדעלט ווערען אזוי אומבחכמנות'דיג אין רוסלאנד ווי זיי זענען דאמאלט, אונטערן צאר באהאנדעלט געווארען. ער איז דאס געווען דער יעניגער וואס האט געשיקט פראטעסט בריעף צו דער רוסישער רעגירונג אין נאמען פון אמעריקאנער אידענטום פראטעסטירענדיג געגען די קישענעווער און אדעסער פאגראמען. ער איז דאס געווען דער, וואס האט אנגעווענדעט אלע מיטלען אז שחיטות אין 1905 אויף אידען זאלען אין רוסלאנד ענדליך אפגעשטעלט ווערען.

און ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, און א כוואליע פון אנטיסעמיטיזם האט פארפלייצט גאנץ דייטשלאנד, פוילען, רומעניען און אנדערע לענדער, איז ער דאס געווען די פערזאן וואס האט דירעקט און אונדירעקט, פאראורזאכט אז די רעגירונגען אין יענע אנטיסעמיטישע לענדער זאלען וויסען אז אמעריקא וועט ניט שווייגען פאר די אונטערדריקונגען וואס ווערען דארט געמאכט געגען די אידען. און ווען אין בולגאריען האבען א גרופע באוואפענטע חוליגאנעס געסטראשעט צו אויסקוילען אלע אידען אויב די אידען וועלען זיי דארט ניט געבען דרייסיג מיליאן לעי איז אדאלף קראוס געווען דער יעניגער וואס האט דורך זיין ענערגישען פראטעסט צום בולגארישען קאנסול אין אמעריקא פאראורזאכט אז די דאזיגע גזירה אויף די בולגארישע אידען זאל בטול ווערען.

אדאלף קראוס זייענדיג ערפאלגרייך און טעטיג אויף דער אמעריקאנער גאס, האט אויך ניט פארגעסען די אינטערעסען פון דער אידישער גאס. און נאך ביז היינטיגען טאג שטעהט ער, דער וועמענס 75 יעהריגער יובילעאום עס ווערט איצט געפייערט, אויף דער וואך פון די אידישע אינטערעסען ניט בלויז פון אמעריקאנער אידענטום, נאר אויך פון דעם אידענטום, פון אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט.

עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט אז אדאלף קראוס איז איינער פון יענע וואס זיינען שטארק פאראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון אידישען פאלק פון דער גאנצער וועלט, און געוויס פון אמעריקא.

וואס איז אייער מיינונג וועגען דער צוקונפט פון דעם אידענטום אין אמעריקא? האב איך איהם געפרעגט. — וועלען די אידען אסימילירט ווערען אין אמעריקא אויב די טויערען וועלען דא בלייבען געשלאסען פאר נייע אידישע אימיגראנטען, צו וועט דאס אידענטום בלייבען ווי ביז איצט?

דער אלטער פינף און זיבעציג יעהריגער שטאאטסמאן האט זיך פארטראכט.

— מיין מיינונג איז, — האט ער געענטפערט נאך א ווייל'ע דענקען, אז עס איז ניטא קיין שום גרונט מורא צו האבען אז די אימיגראציאנס קוואטא קאן פיהרען דאס אמעריקאנער אידענטום צו אסימילאציע און אונטערגאנג. אידען וואוינען שוין אזוי לאנג אין אמעריקא און האבען נאך קיינמאל ניט געקלערט פון אסימילירען זיך. אסימילאציע איז נאר מעגליך אין יענע לענדער וואו אידען ווערען, אלס אידען, ניט צוגעלאזט צו רעגירונגס עמטער, אדער צו געזעלשאפטליכער ארבייט. דא אבער אין אמעריקא זענען אלע טירען און אלע רעגירונגס פלעצער אפען פאר אידען פונקט אזוי גוט ווי פאר ניט אידען. אידען דארפען זיך דא ניט אסימילירען און ניט זיך שמד'ן כדי אנצוקומען אויף א געזעלשאפטליכער שטעלע אדער אויף א רעגירונגס אמט. טאקי דערפאר האבען מיר נאך ביז היינטיגען טאג ניט געהערט דא אז אידען זאלען זיך אסימילירען און דארפען אויך פאר ווייטער ניט מורא האבען פאר אזא ערשיינונג.

— אבער דענקט איהר ניט אז דער יונגער אידישער דור אין אמעריקא איז ווייט פון צו פארשטעהן די אידישע פראבלעמען. דענקט איהר ניט אז מיט דער צייט קאן דער דאזיגער יונגער דור אינגאנצען פארגעסען אז ער שטאמט פון אידען?

יא, יא, עס איז אמת, אז דער יונגער דור אין אמעריקא ווייסט ניט אזוי פיעל וועגען אידישקייט, אבער עס איז אויך אמת אז מיר האבען נאך ביז אהער ניט געהערט פון קיינעם פון די דאזיגע אמעריקאנער אידישע יונגע לייט אז זיי זאלען וועלען פארלייקענען זייער אידישקייט. מיר האבען אויך ניט געהערט אז זיי זאלען מאכען אפילו אזא מין פארזוך ווי חתונה האבען מיט ניט אידישע מיידלאך כאטש אין אמעריקא איז אין דער הינזיכט פאראן א גאנץ פרייע מיינונג.

— וואס לויט אייער מיינונג קאן געטאן ווערען אז דער אמעריקאניזירטער יונגער אידישער דור זאל יא זיין פאר אינטערעסירט אין אידישע פראבלעמען?

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף דעם פנים פון דעם אלטען ערפאהרענעם טוער.

— פרעגט די ראביים, האט ער שמייכלענדיג געזאגט, זיי דארפען אייך קאנען געבען אן ענטפער צו דער פראגע. נאך אלעמען באזוכען אלע אמעריקאנער אידישע יונגעלייט די פארשיעדענע טעמפלען וואו די ראביים רעדען. נו, איז אויב די ראביים וועלען זייערע רעדעס מאכען גענוג אינטערעסאנט פאר יונגען אידישען דור דאן זייט זיכער אז דאס יונגווארג וועט מיט אינטערעסע זיי קומען הערען. אויב אבער די רעדעס פון די ראביים וועט זיין מעהרסטענטיילס טרוקענע און אויסגעדראשענע, דאן וואס פאר א טענות קאן מען האבען צו די אידישע יונגע בחורים און מיידלאך אויב זיי וועלען ניט געפינען קיין נעטיג אינטערעס צו קומען אויסהערען אזעלכע רעדעס.

— בכלל אבער, איז שוין קראוס איבערגעגאנגען אין ערנסטען טאן, איז זיך ניטא וואס צו שרעקען פאר דעם אונטערגאנג פון דעם אידענטום אין אמעריקא. די אימיגראציע איז ניט אינגאנצען געשלאסען. זי איז בלויז באגרענעצט, און איך קאן אייך פארזיכערען אז ביי היינטיגען טאג, אפילו ווען די באגרענצונגען עקזיסטירען, קומען קיין אמעריקא אריין מעהר אידען ווי ווען זיי זענען אריינגעקומען מיט זעכציג יאהר צוריק, אין די יאהרען ווען איך בין אהער אנגעקומען.

— ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקא — האט קראוס פארטגעזעצט — זענען אהער ניט געפאהרען אפילו קיין פערטעל טייל פון דער צאהל אידישע אימיגראנטען וואס קומען איצט אריין אהער נאכדעם ווי מיר האבען די קוואטא געזעצען. נו איז דאך פונדעסטוועגען אין יענער צייט דאס אידענטום אין אמעריקא ניט אונטערגעגאנגען, קאנען מיר האפען אז אויך איצט וועט עס ניט אונטערגעהן.

— שוין צוויי טויזענט יאהר אז דאס אידענטום איז ניט טויט — האט קראוס פארענדיגט זיין גערעדט — עס וועלען אוועקגעהן נאך צוויי טויזענט יאהר און איך בין זיכער אז דאס אידענטום וועט נאך אלץ בלייבען לעבען, טא וואס איז די נוצען איצט זיך צו זארגען פאר דעם וואס וועט פאסירען אין צוויי טויזענט יאהר שפעטער.

— וואוהין, לויט אייער מיינונג דארפען די אידען אם בעסטענס עמיגרירען איצט ווען די טויערען פון אמעריקא זיינען פאר זיי פארמאכט? וועלכעס לאנד וואלט איהר רעקאמענדירט פאר זיי אם פאסיגסטענס צו עמיגרירען?

— די פראגע איז אינטערעסאנט, אבער זי איז איבעריג, לויט מיין מיינונג וועלען די אידען אינגאנצען פארלירען אין גיכען דעם חשק צו עמיגרירען פון זייערע לענדער וואו זיי וואוינען איצט. לויט די באריכטען וואס איך קריג איצט פון איבער דער גאנצער וועלט, ווערט דער אנטיסעמיטיזם אומעטום קלענער. די לאגע פון די אידען ווערט אין איירעפא וואס ווייטער אלץ בעסער. דער אנטיסעמיטיזם געגען די אידען איז געווען א רעזולטאט פון דער מלחמה. דאס איז געווען איינע פון די מלחמה נאכוועהענישען. מענשען האט זיך געלעבט שלעכט, האבען זיי געזוכט ארויפצוווארפען די אורזאכע פון זייער שלעכטער לאגע אויף די אידען. איצט אבער ווערט די עקאנאמישע לאגע פון אלע איירעפאאישע לענדער אביסעל בעסער, און צוזאמען מיט איהר פארבעסערט זיך אויך די לאגע פון די אידען אין די פארשיעדענע איירעפאאישע לענדער, אזוי אז איך בין פאלקאם זיכער אז אין גיכען וועלען די אידען אינגאנצען אויפהערען צו קלערען סיי וועגען פאהרען קיין אמעריקא סיי בכלל וועגען עמיגרירען. האבענדיג אזא גלויבען, פארשטעהט זיך אז עס וועט זיין איבעריג פאר מיר אייך זאגען וועגען א פלאן וואס איך וואלט רעקאמענדירט אידישער איינוואנדערונג.

און פארענדיגענדיג אונזער געשפרעך האט דער פראמינענטער אידישער פיהרער וועלכער האט זיך דורכגעשריבען וועגען אידישע אינטערעסען מיט טאפטען, מיט רוזוועלטען, מיט ווילסאנען און מיט הארדינגען, מיט קולידזשען און יוהז'ן, און וועלכער איז ברייט אינפארמירט געווארען וועגען דער לאגע פון די אידען אין אלע לענדער, מיר ערנסט שמייכלענדיג געזאגט

— די לעצטע צייט האבען מיר, די אידען פון אמעריקא זיך גענומען זוכען פראבלעמען וועגען אונזער צוקונפט. לאמיר ווייניגער אזעלכע פראבלעמען זוכען. אונזער צוקונפט דא אין אמעריקא איז אזוי לאנג געזיכערט ווי די לאגע פון לאנד איז געזיכערט, האט דאך אמעריקא א גלויבען אין זיך אז איהר לאגע איז געזיכערט פאר א גאנץ היבשער צאהל יאהרען, טא פארוואס זאלען מיר, אין זיך אזא גלויבען ניט האבען?

(איטא).

יצחק אבן.

ד״ר מ.

שטריכען פון זיין לעבען

די לעזער פון „זשורנאל" ווייסען שוין וועגען דעם טויט פון יצחק אבן. די ווייטערדיגע שורות, שטריכען פון זיין לעבען, נעהמען מיר ארויס פונ'ם ניו יארקער „מארגען־זשורנאל", וואו דער פארשטארבענער איז געוועזען א מיטארבייטער אין די לעצטע יאהרען.

* * *

יצחק אבן איז געבוירען געווארען מיט ארום 62 יאהר צוריק אין ראזוואדאוו, א קליין חסידיש שטעדטעל אין גאליציען. זיין פאטער איז געווען אן ארימער מלמד, א גרויסער תלמיד חכם און שטארק באליעבט אין שטעדטעל. דער יונגער יצחק האט זיך גע'חבר'ט מיט די קינדער פונ'ם שטעדטעלשען חסידישען רבי'ן און אזוי ארום איז ער ערצויגען געווארען און איינגעזאפט אין זיך דאס חסידות פון זיין פריהעסטער קינדהייט אן.

אין יענער צייט איז געווען די גרויסע מחלוקה צווישען די סאנדזער און די סאדיגורער חסידים. דער אלטער סאנדזער רבי, דער גרינדער פון דער האלבערשטאם גזע, האט געפיהרט די מחלוקה מיט דער רוזשינער גזע, פון וואנעט עס שטאמען אפ די סאדיגורער רביים. דאס שטעדטעל ראזוואדאוו איז געווען אויף דעם סאנדזער'ס צד. א צוויי דריי סאדיגורער חסידים זענען געווען אין ראזוואדאוו, זענען זיי אויסגעשטאנען זעהר פיעל רדיפות.

די גרויסע חסידישע מחלוקה האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויפ'ן יונגען אבן. כאטש זיינע עלטערען און זיין גאנצע משפחה זענען געווען מיט די סאנדזער, האט עס איהם דאך געצויגען צו סאדיגורע. ער האט געוואלט לערנען דעם סדר החסידות פון דער רוזשינער גזע און צו 17 יאהר, א יאהר נאך זיין חתונה, איז ער בשתיקה אנטלאפען קיין סאדיגורע, מיטנעהמענדיג מיט זיך בלויז דעם טלית און תפילין.

אין סאדיגורע איז יצחק אבן אפגעוועזען א פאר חדשים. די גאנצע צייט געוויקעט אין חסידות, געלערענט די דרכים פון סאדיגורער הויף און דערנאך געוואלט אהיימפאהרען צוריק. ער האט אבער מורא געהאט און ער איז דערפאר אריבערגעפאהרען די גרעניץ און זיך געשטעלט אלס מלמד ביי א רייכען סאדיגורער חסיד אין א קליין בעסאראביש שטעדטעל. דארט איז ער אפגעוועזען א יאהר צייט און סוף־כל־סוף זיך אנטשלאסען זיך אומצוקעהרען אהיים צו זיין משפחה. אין דער היים האט מען איהם אויפגענומען מיט כבוד, אבער די אייגענע האבען שטארק געוואלט ווירקען אויף איהם ער זאל מעהר ניט פאהרען קיין סאדיגורע.

באזעצענדיג זיך צוריק אין זיין שטעדטעל ראזוואדאוו, האט יצחק אבן זיך אנגעהויבען פארנעהמען מיט העברעאישע לעקציעס. ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אריבערכאפען קיין סאדיגורע און רימאנאוו. אין רימאנאוו איז ער געווארען א גרויסער מקורב און זיך שטארק באפריינדעט מיט'ן באריהמטען קראקאווער חסידישען פילאזאף, ר' אהרן מארקוס, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זיין ווייטערדיגער גייסטיגער אנטוויקלונג.

צוליעב פאמיליע־אנגעלעגענהייטען האט זיך אבן שפעטער אריבערגעצויגען קיין באריסלאוו, וואו ער האט געוואוינט א פאר יאהר און דאן — קיין לעמבערג. דארט, אין דער גרויסער גאליציאנער שטאדט, איז אבן געווארען דער רעדאקטאר פון דער וועכענטליכער צייטונג „קול מחזיקי הדת", וועלכע איז געווען דער ארגאן פון דער גאליציאנער ארטאדאקסיע. פאר דער צייט האט אבן, אויסער די ארטיקלען אונטער זיין אייגענעם נאמען, אויך געשריבען אונטער'ן פסעוודאנים דר. פ. ראבינאוויץ. אין „קול מחזיקי הדת" האט אבן געשריבען א אידישע געשיכטע אין ארטאדאקסישען גייסט, וועלכע איז דערנאך ערשינען אין פיער בענדער אונטערגעשריבען מיט דעם נאמען י. א.

אויפ'ן גורל פון יצחק אבן איז אויך אויסגעפאלען צו זיין דער פיאנער פון דער מאדערנער העברעאישער שולע אין גאליציע. ער האט דער ערשטער געגרינדעט אין לעמבערג דעם חדר מתוקן „חנוך לנער", דאס איז געווען אין יאהר 1896. הונדערטער תלמידים זענען ארויס פון יענער שולע און זענען געווארען באקאנטע אידישע אינטעליגענטע גייסטיגע קרעפטען.

אין לעמבערג איז אבן באקאנט געווארען מיט די חסידישע מיליאנערען ר' שמעלקע רוקח און זיין משפחה, ביי וועמען ער האט שטארק אויסגענומען און געוואונען צוטרוי. דורך זיין פארמיטלונג האבען די רוקח'ס אפגעקויפט נאפט גרובענס אין באריסלאוו און אבן איז באשטימט געווארען אלס פארוואלטער פון די דאזיגע נאפט קוואלען. ער האט אנגעהויבען צו פיהרען א רייך לעבען, האט זיך אריבערגעצויגען אין ווינען, וואו ער האט געפיהרט אן אמת גבירישען שטאט. ווען ראקעפעלער האט אפגעקויפט אלע נאפט קוואלען אין באריסלאוו, האבען אויך די רוקח'ס איהם פארקויפט זייערע נאפט־קוואלען און אבן איז געבליבען אהן באשעפטיגונג. ער האט נאך א לענ־

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

„ווערט $100 פאר מיר באפרייט פון עקזעמע און פיילס"

מרס. פיטער א. פאלמער, סאלטבוירן, סאסק., שרייבט:

"דר. טשייס'עס אוינטמענט האט מיך קאמפליט באפרייט פון עקזעמע און פיילס. איך האב עס אויך גענוצט פאר מיין בייבי, וועלכע איז קראנק געווארען אויף עקזעמע. מען האט עס בלויז עטליכע מאל באדארפט אנווענדען. דר. טשייס'עס אוינטמענט איז פאר מיר ווערט געווען הונדערט דאלאר. איידער איך האב עס גענוצט, האב איך באדארפט ספענדען פיעל מעהר ווי דאס אויף אומערפאלגרייכע טריטמענטס פון דאקטוירים. מיר האבען אויך גענוצט דר. טשייס'עס אנדערע מעדיצינען. די נערוו־פוד האט צוריקגעקעהרט מיין געזונט נאכדעם ווען כ'האב געליטען פון צושרויפטע נערווען, ווען איך בין גאר געווען א מיידעל."

60ס. א באקס ביי אלע דיעלערס, אדער ביי עדמענסאן, בייטס און קאמ. לימיטעד, טאראנטא.

היגיענע פון עלטער

פון פ. ל.

מענשען מיינען געוועהנליך, אז ווען זיי דערגרייכען נאר א געוויסען עלטער, איז שוין אלץ אויס. מען דארף שוין דעמאלט אויפגעבען יעדע פיזישע און גייסטיגע טעטיגקייט, ווייל דאס לעצטע בלאט פון לעבען איז איבערגעמישט.

דאס איז אבער אין גרונט פאלש. מען דארף זיך נאר באמיהען אנצוהאלטען א געוויסען גייסטיגען גלייכגעוויכט, און די עלטער וועט ווערען א קוואל פון באקוועמליכקייט און פארגעניגען, אנשטאט צו זיין א מאטערניש.

די עלטער איז נאר אזא פיזיאלאגישע ענדערונג וואס דארף גארניט זיין אומאנגענעהם. מען קאן זיין אמת גליקליך אין די עלטערע יאהרען. אבער עס איז נאר נויטיג דערביי צו האבען די געהעריגע גייסטיגע און פיזישע טעטיגקייטען און פארוויילונגען.

עלטערע מענשען זיינען געוואוינט שטענדיג צו קלערען און זארגען וועגען זיך, און ווערען אפהענגיג. א גוטער מיטעל קעגען דעם איז צו לייענען די צייטונגען און זשורנאלען און די קלאסישע וועלט ליטעראטור. נייהען, וועבען, לייכטע סטאליעריי אדער אנדערע לייכטערע פיזישע ארבייטען, וואס פאדערען א געוויסע מאס פלינקייט און שכל, זיינען אויך גוט.

עס האט אפטמאל א גוטע, סטימולירענדיגע ווירקונג, ווען מען נעהמט אריין די עלטערע מענשען אין אלערליי פארוויילונגען און געשפרעכען מיט די אינגערע. מען דארף ניט פיהלען, אז ווייל א מענש איז אלט, איז ער שוין מעהר ניט בארעכטיגט צו באטייליגען זיך אין לעבען.

די ראדיא אפאראטען זיינען אן אמת'ער גליק פאר די עלטערע מענשען, באזונדערס פאר אזעלכע, וואס ליידען פון א שוואכען געהער אדער א שלעכטער ראיה.

דער ראדיא איז אינטערעסאנט און באלעהרענדיג, און איז אפטמאהל אן אמת'ער טרייסט. מיט דער קאליידאסקאפישער ענדערונג פון דעם פראגראם, גיט ראדיא א פארוויילונג, וואס איז זעהר אפט א גרויסע הילף היגיענישען זין. גוטע ראדיא מוזיק איז א גרויסער פארגעניגען און טוט בלי ספק אפטמאהל זעהר פיעל גוטס. מען דארף אבער ניט מיסברויכען צופיעל, און ווי אינטערעסאנט א ראדיא פראגראם זאל ניט זיין, דארף מען צוליעב דעם ניט זיצען ביז שפעט אין דער נאכט.

א סך פראבלעמען, וואס זענען פארבונדען מיט דער היגיענע פראבלעמע פון עלטער, קומען אויף צוליעב דעם, וואס די גייסטיגע פעהיגקייטען ווערען אפגעשוואכט ביי די עלטערע מענשען. עס וועט דעריבער זיין א גרויסע הילף פאר דעם וואוילזיין פון די באיאהרענטע, ווען מען וועט צו זיי ארויסווייזען מעהר מונטערקייט און אפטימיזם.

אלטע לייט זענען געוואוינט אנצונעהמען זייער צושטאנד פאר א ווייניגער ערנסטען ווען זיי זענען אינגאנצען אנגעטאן און ליגען ניט אין בעט. ווען אבער אן עלטערער מענש באקלאגט זיך אז ער פיהלט זיך מיעד אדער אזוי גלאט ניט מיט אלעמען, איז ראטזאם, אז ער זאל בעסער אפרוהען א טאג אין בעט. אפטמאל קאנט איהר א באיאהרענטען מענשען ראטעווען פון א קראנקהייט ווען איהר גיט איהם לייכטע און פארדייבארע שפייזען און האלט זיין קערפער ווארים.

מען דארף זיין באזונדערס פארזיכטיג מיט דער געהעריגער קליידונג, דיעטע און פיזישע איבונגען פון די עלטערע מענשען. אזוי ווי נאך 40 יאהר נעהמט אפפאלען די ווארימקייט פון קערפער, פאדערט זיך פיזישע איבונג, כדי די ווארימקייט אויפצוהאלטען.

אן ענגלישער דאקטאר, וואס איז דא ערשט ניט לאנג געווארען 50 יאהר אלט, זאהגט, אז עס איז נויטיג צו נעהמען יעדען טאג א שפאציר אויף דער פרישער לופט, עס מאכט גאר ניט אויס, וואס פאר א וועטער עס זאל ניט זיין. ערווארענט אבער, אז מען זאל ניט מאכען קיין פיזישע איבונגען צופיעל, ביז מען ווערט פארמאטערט.

ניט אלע עלטערע מענשען וועלען קאנען פאלגען די עצה פון דעם ענגלישען דאקטאר, אבער א לייכטער שפאציר אין א שעהנעם וועטער וועט זיכער פאר אלעמען זיין א זעהר גוטער סטימולאנט. די פארדייהונגס קראפט פון די עלטערע מענשען איז ניט אזוי גרויס, און זייער קערפער פאדערט שוין ניט אזוי פיעל באהייצונג, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. מען דארף וויסען, ווי אזוי איינצושטעלען א געהעריגע דיעטע פאר די עלטערע מענשען. די דיעטע דארף איינשליעסען: ערשטענס, ווייניגער שפייז, צווייטענס, אפטער עסען אין קלענערע מאסען, און דריטענס, לייכט פארדייהבארע שפייזען, וואס זאלען דערצו ניט ארויסרופען ניט צופיעל ניט צו ווייניג אפפאל שטאפען.

מיר געפינען, אז די מענשען וואס האבען דערגרייכט א טיעפען עלטער, זענען כמעט בסדר מאגער, זיינען אין די פריהערדיגע יאהרען געווען ווייט פון צו זיין זולל וסובא'ס, און האבען מעהרסטענס געגעסען פארהעלטניסמעסיג ווייניג פלייש אויף די עלטערע יאהרען.

דער פונדאמענט פאר א גליקליכען און געזונטען עלטער ווערט אוועקגעלעגט אין דעם אקטיווען ערשטען פעריאד פון לעבען.

אויב נאר מען וועט גוט אכטונג געבען און אפהיטען געוויסע באשטימטע און לייכט אויספיהרבארע פרינציפען פון פערזענליכער היגיענע, וועט מען דערגרייכען זעהר א סך. דער רעזולטאט פון פארנינפטיגע היגיענישע פיהרונגען וועט זיין, אז מען וועט אין גאר א סך פאלען, דערגרייכען די עלטערע יאהרען און אלע כחות, סיי גייסטיגע סיי פיזישע, וועלען אפגעהיט ווערען, דעמאלט וועלען די עלטערע יאהרען זיין א פארגעניגען, אנשטאט צו זיין א שווערע לאסט.

ווי ראבערט מ. קעניג האט אויסגעפונען א רפואה פאר א הויט מיט פימפעלס

פאר פיעלע יאהרען פלעגט מיין הויט אויסשיטען—און זאלבען האבען גאר ניט געקענט העלפען.

איך האב געלעזען א דאקטאר'ס ארטיקעל, ערקלעהרענדיג אז א פימפעלדיגע הויט קומט געוועהנליך פונ'ם מאגען און ווען די געדערים ווערען ניט פריי פון די גיפטען.

איך האב געפרובירט קארטער'ס ליטל ליווער פילס פאר עטליכע טעג—און זייט דאמאלס איז מיין הויט ריין און גלאטיג. יעצט קען איך זאגען מיינע פריינט דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי פטור צו ווערען פון א צושאטענע הויט—און אייך ווי אזוי פטור צו ווערען פון א שלעכטען מאגען און קאפ וועהטאג. קארטער'ס זענען אלעס וואס זיי קליימען צו זיין.

נאציאנאל-פאנד ארבייט אין פארשידענע לענדער

ירושלים, (א. י. ק.)

צו די 48,229 פונט, וועלכע זענען געזאמעלט געווארען פאר דעם אידישען נאציאנאל־פאנד אין פארלויף פון די ערשטע דריי מאנאטען פון דיזען יאהר, תרפ"ה, האבען בייגעשטייערט 37 לענדער. די פראפאגאנדע פאר דעם אידישען נאציאנאל־פאנד ווערט אבער אנגעפיהרט אין בערך 50 לענדער. די רעזולטאטען פון אייניגע פון דיזע לענדער, אין וואס אנבאלאנגט דער נאציאנאל־פאנד ארבייט, האט די הויפט־ביורא נאך ניט ערהאלטען.

דעלעגאציעס פון דער הויפט־ביורא זענען איצט טעטיג אין 8 לענדער; אין אמעריקא, פוילען, אסט־גאליציען, וועסט גאליציען, ענגלאנד, בעסאראביען, אלט־רומעניען און אויסטראליען.

אביסעל פאלקלאר פונ'ם וועלט קריעג

בעת דער גרויסער וועלט קריעג האט אויסגעבראכען, איז די נויט צווישען די אידען אין ליטא און פוילען געווען שרעקליך גרויס; דער קרעדיט האט אויפגעהערט דער מסחר האט זיך אפגעשטעלט און פיעל פאמיליעס זענען געבליבען אהן דערנעהרערס. עס איז דעמאלט אפילו געווארען א זול אויף דער וועלט; וואס איז אבער דערפון ארויסגעקומען. אז אפילו אויף דעם וואלוועלען איז אויך קיין געלד ניט געווען, איבעראל האט מען דעריבער געהערט איבערחזרן מיט א קרעכץ דאס אידישע ווערטעל: „אן אקס פאר א גראשען — אז דער גראשען איז נישטא".

די פאמיליעס פון די רעזערוויסטען האבען געבעטען שטיצע און הילף, זיי האבען אינעריך אבער דערפון געליטען. עפעס האבען זיי געפיהלט, ווי א חרפה, וואס זיי ווילען נאך עסען אין אזא צייט, און זיי האבען זיך פארטיידיגט זאגענדיג: „וועה און אך, און עסען מוז מען דאך!"

די גאליציאנער אידען זענען באלד ארויסגעטראטען מיט שנאה געגען דעם צאר, און געזאגט אויף זיך דעם פסוק: „וכי תבאו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם (במדבר) און זיי האבען אויך געדרש'נט דעם פסוק „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום (פון אויבערשטען — מקומו של עולם) אח"ר", די ראשי תיבות פון לעצטען ווארט בעדייטען אחר חורבן רוסיא.

ווען די רוסען זענען אריין אין לעמבערג, זאל א גאליציאנער רבי האבען געזאגט: ואת החזיר (פאניע חזיר) כי מפריס פרסה הוא (א פוס וועט ער אריינשטעקען) ולא גרה (אבער וואוינען וועט ער דארט ניט בלייבען) און אז מען האט די רוסען פון דארט צוריק ארויסגעטריבען האבען די גאליציאנער אידען אויף זיי געזאגט: „עם תועי לבב היום" זיי זענען פארקראכען נאך לוואוו) והם לא ידעו דרכי — זיי האבען אבער קיין גוטע לאנד קארטען ניט געהאט, און ניט געוואוסט, וואו זיי זענען אינדערוועלט.(זעה תהלים צ"ה).

די אידען זענען, ווי בעקאנט, אויסאויסגעשטאנען בעת דער רוסישער אינוואזיע אונבעגרייפליכע צרות און הריגות. דעריבער פלעגען די אידישע קינדער זינגען:

„די רוסען זיינען שוויינע,
„די דייטשען זיינען פיינע."

גלייך האבען זיך אבער אנגעהויבען די רעקוויזיציעס און בסדר'דיגע צרות; דער עולם האט אנגעהויבען צו דערקענען, וואס דער דייטש קאן אלץ, און די פריהערדיגע פריינדליכקייט איז גלייך פארשוואונדען געווארען.

מען האט געזאגט: פארוואס הייסען די דייטשען „ניעמצי" — מלשון: 'נעהם צו." וואס ער געפינט, נעהמט ער צו.

מען האט אויך געזאגט: וואס איז דער חלוק פון דעם דייטש ביז דעם רוס? דער חילוק איז דער: ווען מען פארמשפט איינעם צום טויט און דערנאך באגנאדיגט מען איהם אויף שווערע קאטארגע. ביים רוס אין דער צייט פון דער מלחמה און שפיאנאזש פראצעסען זיינען מיר געוועזען „פארמשפט צו טויט שטראף, דערנאך האט אונז גאט בעגנאדיגט און בעפרייט פונ'ם רוס, אבער איבערגעגעבען צום דייטש אויף שווערע קאטארגע".

אידען לומדים האבען ווידער אזוי אויסגעטייטשט דעם חלוק צווישען רוס ביז דעם דייטש. דער רוס איז „קרן" — „שכונתו להזיק": ער האט גלאט ליעב שאדען צו טאן, און ער טוט עס מיט טונה צו שאדען סתם. דער דייטש: איז אבער „שן" — 'שיש הנאה לחזיקו', ער מיינט טאקי ניט אזוי יענעם שאדען צו טאן, נאר צוליעב זיין הנאה, עסט ער יענעם אויף אינגאנצען. הצד השוה שבהם: שדרכם לילך ולהזיק — זעה די גמרא אנפאנג בבא קמא).

מיט'ן דייטש'ס קומען איז מען בעפרייט געווארען פון דער רוסישער טויטשרעק, מען האט הנאה געהאט פון די קלעפ, וואס פאניע בעקומט, און מען האט געזאגט: דער דייטש איז דער „גואל הדם"; מען מוז אבער יעצט בעטען אייפ'ן „גואל צדק", כדי מען זאל אייך פון איהם פטור ווערען.

די דייטשע זעלנער פלעגט מען רופען פארשטעלט „די קורצע". איך ווייס ניט פארוואס. (דען אין א פאלקס ליעד זינגט מען אויף די דייטשען מיט די לאנגע בייטשען: „הויכע מענער זענען זיי.")

ווען איינער פלעגט שיקען א טאכטער בעטען פאר זיך עפעס, פלעגט מען זאגען: „ער האט אפגעגעבען א בתן (ביטע).

די „מלחמה־סוחרים" פלעגט מען תחילת אנרופען שווינדלער, גנבים, „פארסעק שפיעלערס", דערנאך האט זיך געמאכט דערפון: „ציהען א פאסעק, איבערגעצויגען דעם פאסעק, געפלאצט דער פאסעק." איינמאל האט זיך געמאכט א פאסעק אויף הויזען, האט דער עולם געשיט מיט ווערטלאך —

נאך דער דייטשער מפלה ביי דער מארנע, האט דער עולם באלד נביאות געזאגט, אז „ער וועט אויסגעהן נאמארנע."

אויף יעדען תקיף, יעדע שטארקע מאכט א. ד. ג. זאגט מען „עס איז א צוויי און פערציגער". די דאזיגע ערפינדונג האט אנפאנגס אויף זיך געצויגען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און אין דער שפראך האט זיך נאך די טענקס עד היום ניט איינגעגעבען זי אינגאנצען מנצח צו זיין.

דער דייטש האט אנגעהויבען ארויסלאזען די קריגעס געלדער. דער עולם האט זיי גענומען, קיין אנדער ברירה האט מען ניט געהאט. מען האט אבער פאראויסגעזעהן אז סוף כל סוף וועט דער דייטש האבען א מפלה און ווער ווייסט וואס מיט דעם געלד וועט זיין.

מען האט דארויף דערצעהלט די מעשה פון יענעם מלמד: א מלמד א ליטוואק האט אמאל א גאנץ יאהר געלערנט אין דער פרעמד. פאר פסח שרייבט ער, דאס ערב פסח קומט ער אהיים און ברענגט מיט געלד א פאק, דאס ווייב זאל דערווייל גארניט זשאלעווען, אלץ אנגרייטען כיד המלך — ער וועט שוין באצאהלען עד פרוטה האחרונה.

יצחק אבן

(פארזעצונג פון פיידזש 5.)

גערע צייט געוואוינט אין וויען און מיט אן אכטצעהן יאהר צוריק איז ער געקומען נאך אמעריקע.

די ערשטע יאהרען דא אין לאנד האט אבן זיך פארנומען מיט מלמדות און עס איז איהם ניט געגאנגען גוט. ער האט שוין געוואלט זיך אומקעהרען צוריק נאך גאליציע, געקויפט שוין אפילו א שיפסקארטע, נאר אויפ'ן אפשיעדס־באנקעט, וואס זיינע פריינד האבען פאר איהם געגעבען, האט יוסף בעראנדעס, יוסף מארגאשעס און אנדערע געווירקט אויף איהם ער זאל פארבלייבען אין אמעריקא. אבן האט צוריק אפגעגעבען די שיפסקארטע און ער איז דא פארבליבען. ער האט אנגענומען א שטעלע אלס סעקרעטאר פון דער דאון־טאון תלמוד תורה אויף האוסטאן סטריט, וואו ער איז פארבליבען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

אלס שריפטשטעלער האט אבן פארנומען א באזונדער פלאץ אין דער אידישער ליטעראטור. זיינע חסידישע מעשה'לאך, געשריבען אין דעם איינפאכען חסידיש־פאלקסטימליכען טאן, זענען איינציג אין זייער מין.

יצחק אבי האט אנגעהויבען צו שרייבען זיינע חסידישע מעשה'לאך אין „אי־
פארשטארבענער י. פפעפער איז געווען רעדאקטאר. דאן האט ער אנגעהויבען צו
דישען וואכענבלאט", פון וועלכען דער שרייבער אין „ווארהייט", דערנאך אין „טאג" און דאן אין „מארגען זשורנאל" און „אמעריקאנער". ער האט געהאט טויזענטער פארעהרער צווישען די ארטאדאקסישע און חסידישע אידען.

יצחק אבן האט ארויסגעגעבען א העברעאיש בוך „מחלוקת סאנדז וסדיגורא", און אין אידיש „פון דער גוטע אידען וועלט" און „פון דעם רבינ'ס הויף". אויסער די צוויי ביכער אין אידיש זענען נאך פארבליבען א סך חסידישע מעשה'לאך, וועלכע ער האט פארבארייטעט ארויסצוגעבען אין בוך־פארם.

מיט א דריי יאהר צוריק איז יצחק אבן קראנק געווארען אויף גאל־שטיינער, נירען און צוקער־קראנקהייט. ער איז מיט צוויי יאהר צוריק געפאהרען זיך קוריירען אין קארלסבאד, פון וואנען ער איז [illegible]

געשטארבען אויף א זעהר טראגישען אופן. חיים אבן איז געווען א דאקטאר מעדיצין און אין צייט פון דער מלחמה האט ער געדיענט אלס מיליטער דאקטאר אין דער עסטרייכישער ארמיי. ער האט זיך אנגעשטעקט מיט א געפעהרליכער קראנקהייט פון וועלכער ער איז געשטארבען און איז געבראכט געווארען צו זיין אייביגער רוה אין ניקאלסבורג. מיט 4 יאהר צוריק איז יצחק אבן ספעציעל געפאהרען קיין ניקאלסבורג שטעלען א מצבה אויף דעם קבר פון זיין באליעבטען זוהן.

יצחק אבנ'ס טויט האט געמאכט א שווערען איינדרוק אין אלע אידישע קרייזען. די פראמינענטסטע אידען פון גאליציאנער קווארטאל, צווישען זיי דר. י. העלר, בערנארד זעמעל, וויליאם פישמאן, פיליפ וואטענבערג און אנדערע, האבען אפגעהאלטען א קאנפערענץ ווע־ [illegible]

ת' נ' צ' ב' ה'

א באנאנעס-סטאנציע אין א"י

ירושלים, (א. י. ק.)

[illegible]

אט קומט דער טאטע מיט מיין ריגלי'ס

ריגלי'ס גיט דער פעני א גרעסערע ווערט אין קייפען געשמאקע, געזונטע און לאנגדויערענדע נאשעריי.

קומענדיג אהיים אויף דער טריין אדער אין קאר — איז עס אזוי קיהל און זיס נאכ'ן ריכערען. און דאן ווען איהר קומט אהיים זיי געשפאנט עס זענען די קליינווארג פאר זייער ריגלי'ס! ווי גוט עס איז פאר זיי!

ריגלי'ס
„נאך יעדען מאלצייט"

פארזיגעלט
טיכטיג
געהאלטען
ריכטיג

דער פלייוואר
האלט

R 77

קלינג בראדערס, 241 קווין סט. וועסט
ספעציעלער סייל פאר פורים
אויף אלערליי דזשועלרי, דיימאנדס און זילבערוואַרג.

סטערלינג זילבער האנט זייגערלאך, גאראנטירט פאר פינף יאהר $3.49

ראדזשערס
26 פיסעס ראדזשערס סילווער סעט $8.95

ריסט וואטש 18 קעראט גאלד מיט 4 דיימאנדס $39.00

א גרויסער אויסוואהל פון לייכטער, פארשידענע סטיילס פון 5 דאלאר און העכער.

18 קעראט ווייסע גאלד איינגרייווט, חתונה רינגען, לעטעסט סטייל, $4.95

דיימאנד רינגען, אין אונזער איצטיגען סייל צו האלבע פרייזען.

גוטער אלארם זייגער
גאראנטירט פאר
איין יאהר
98 סענט

סאליד 14 קעראט ווייסע גאלד, לייטעסט סטייל, צו האלבע פרייזען.

מיר קלינען אייער וואטש פאר 50 סענט
מיר ארבייטען איבער אלע סארטען דזשועלרי לויט אייער געשמאק און צופרידענהייט מיט א גאראנטי פאר אונזער ארבייט
קויפט וואו אלע קויפען. אייער קרעדיט איז גוט ביי אונז
טעלעפאן עדלייד 1357

KLING BROS 241 QWEEN W.



מאכט ניט קיין טעות אז קענעדע האט ניט גענוג אייגענע באקסערס, אט האט איהר א גאנצען צעטעל פון טשעמפיאנס: 1) פרענקי פול, לייטוועיט. 2) וויק פאלי, בענטעם. 3) קיד דוראנד, פליוועיט. 4) דזשימי בריט. 5) דזשעק רענאלט, העוויוועיט. 6) דזשעקי דזשאהנסאן. 7) דזשארדזש פייפעלר. 8) האווארד מעיבערי, און 9) דזשעק רעדריק.

דאלארען אויף פסח
גלייך אין שטוב אריין
נאך רוסלאנד, פוילען גאליציע, פאלעסטינע, רומעניע
און אלע טיילען פון דער וועלט
ביליג, שנעל און פינקטליך
—דורך—
דווארקין'ס באנק געשעפט
525 דאנדעס סט. וו. טריניטי 6744

צווישען הויכע פערזענליכקייטען

די קעניגין וועלכע האט זיך געקליידט העסליך,— פארוואס הייסט איהר ניט אפהאקען איהר דעם קאפ?

פון ג. פ.

ענגלאנד איז איצט פארשאטען מיט פארשידענע טאג־ביכער. יעדער ווער עס טראכט אז זיין פערזאן האט איבערגעלאזען וועלכען עס איז צייכען אין דער מאדערנער געשיכטע, אדער ער האט געהאט די געלעגענהייט זיך צו באקענען פון דער נאהענט מיט פערזאנען, וועלכע געהערען צו דער געשיכטע, שרייבט איצט טאג־ביכער.

צווישען דעם גאנצען הויפען פון דער טאג־ביכער ליטעראטור, געפינט זיך אויך א ביכעל ארויסגעגעבען דורך דער פירשטין ראדזיוויל אונטערן נאמען "ערינערונגען וועגען בעקאנטע פערזענליכקייטען".

אין׳ם טאג בוך פון דער פירשטין ראדזיוויל טרעפען מיר נאר קעניגע און קיסרים, קעניגינס און קייזערינס, פירשטען און פירשטענס. די אויטארין דערמאהנט אויך פון צייט צו צייט אגב אורחא וועגען דעם אדער יענעם דיפלאמאט אדער מלוכה מאן. עס געפינט זיך דארט פיעל קרעכצען און בענקשאפט צו דער גלאנץ און הערליכקייט, וועלכע געהערען שוין איצט צו דער פארגאנגענהייט. עס ווערען אויך געמאכט פארגלייכען צווישען דער געגענווארט און דער צוקונפט אין וועלכען די פירשטין קומט צום אויספיהר "אז איצט האבען זיך אויך געענדערט די דאמען, זיי האבען זיך עמאנציפירט און זענען וואכעדיג געווארען. זיי טרייבען פאליטיק און מאכען געשעפטען און סמאקעווען זיך מיט וואכענדיגען פלירט."

איינער פון די בייזוויליגע קריטיקער דריקט אויס זיין באדויערען, וואס די פירשטין רעדט גארנישט אין איהר טאג־בוך וועגען זיך אליין און וועגען איהר איינענעם "פלירט" מיט סעסיל ראדעס, נאך וועמענס טויט, די פירשטין איז ארויסגעטראטען צום ענגלישען געריכט מיט א פאדערונג צו אנערקענען פאר איהר א טייל פון ראדעס'עס פארמעגען.

אין דאזיגען בוך גיט די פירשטין א רייהע אינפארמאציעס, וועלכע זענען כלל ניט נייע. זי שרייבט למשל, אז די ענגלישע קעניגין וויקטאריא האט זיך געקליידעט אהן שום געשמאק און גוסט, אזוי, אז מיט איהר האבען זיך געשעהמט איהרע איינענע טעכטער און אויך דער דאמאלסדיגער פרינץ אף וויילס, און דער שפעטערדיגער קעניג עדווארד האט געלאזען אין אומלויף וויצען, וועלכע זענען כלל ניט געווען קיין כבוד פאר זיין מוטער, דער קעניגין, אלץ צוליעב דעם שלעכטען געשמאק פון דער קעניגין אין הלכות אנטאן זיך.

די פירשטין בעאטריטש האט געמוזט בלומרשט יעדעם מאל, ווען זי האט זיך געזעהן מיט איהר מוטער אויסטרינקען א גלאז קאלט וואסער, כדי ניט צו חלש'ן אויף דעם אנבליק פון די העסליכע טואלעטען פון איהר מוטער.

וועגען דער עסטרייכישער קייזערין עליזאבעט דערצעהלט די פירשטין ראדזיוויל פאלגענדע געשיכטע: ווי באוואוסט, שרייבט זי, האט די קייזערין עליזאבעט געהייסען זיך גאנץ אפט קעמען און בעשטענדיג איהרע הערליכע לאנגע האר. זי האט פשוט זיך געליעבט אין דעם קעמען. ווען איינמאל האט זיך די קייזערין געפונען אין לאנדאן, האט זי זיך געהייסען פון איהר צימער־מיידעל קעמען. פלוצלינג האט מען איהר אנגעזאגט, אז עס איז געקומען מיט א וויזיט די פירשטין פון מאנטשעסטער. די קייזערין איז באלד אריין אין איינפאהמס סאלאן. ערשט דעמאלט, ווען די קייזערין האט זיך באגריסט מיט דער פירשטין, האט די קייזערין באמערקט דאס זי האט פארגעסען אראפנעהמען פון זיך דעם פריזיר מאנטעל און אין דער געגענווארט פון דעם אנגעזעהענעם גאסט האט זי דעם מאנטעל פון זיך אראפגעווארפען. דאס האט ארויסגערופען ביידע דאמען אין א נאך גרעסערע פארלעגענהייט, ווייל די קייזערין עליזאבעט, וועלכע האט געוועהנליך געטראגען אונטערן פריזיר מאנטעל א מארגען טואלעט איז דאס מאל געווען פולשטענדיג נאקעט . . .

די פירשטין ראדזיוויל דערצעהלט אויך וועגען א טשיקאווען עפיזאד, וועלכער האט פאסירט בעת'ן וויזיט פון פערסישען שאך א'ן לאנדאן.

ווען מען האט דעם שאך פארגעשטעלט א געוויסע דאמע וועלכע האט ניט קוקענדיג אויף איהרע עלטערע יאהרען געטראגען א טיעף אויסגעשניטענע דעקאלטע, האט ער זיך אנגערופען צו דעם מאן פון דער דאמע: פארוואס הייסט איהר ניט אייערע דיענער איהר אפשניידען איהר דעם קאפ? דאס איז דאך עפעס שרעקליכעס!''

ביער ווערט ביליגער אין מאנטרעאל

מאנטרעאל, מערץ, 2.

צוליעב דעם וואס די הי׳ע ביער־ברויעריען רייסען זיך יעצט ארום, האט "מאלסאנס" רעדוצירט דעם פרייז אויף ביער, מיט 2 דאלאר אויפ'ן פעסיל.

ניישאנעל ברויערים או. פראנטענאק, וועלען מסתמא אויך ארונטערלאזען פון פרייז, כדי צו קענען אנהאלטען די קאנקורענץ.

פארלאנגט

וואלונטירען צו העלפען דורכפיהרען די פאלקס פאראיין

מעות חטים זאמלונג

וואס וועט זיין זונטאג דעם 15־טען מערץ

ארגאניזאציעס, שוהלען, יוניאנס, סאסייטיס און פאראיינען, ווערען אויפגעפאדערט צו ערוועהלען וואלונטירען. לאזט וויסען וועגען אייערע וואלונטירען צום פאראיין סעקרעטאר, מ. קירשענבוים, 410 דאנדעס וועסט. טעלעפאן טריניטי 7777.

היינט 8.30 אווענט
ווערט געשפיעלט אין
סטענדערד טעאטער
גאטס־שטראף
אלס בענעפיט פארשטעלונג פאר'ן
פאלק'ס פאראיין
בילעטען צו באקומען א גאנצען טאג אין באקס אפיס פון טעאטער.
קומט צו דער אונטערנעהמונג און העלפט די קראנקע פון אייער שטאדט

דאנערשטאג מערץ 5טען
וועט פארקומען א גרויסארטיגער
פורים באזאר
ביי טאג און אין אווענט אין דער
בראנזוויק תלמוד תורה
9 בראנזוויק עוו.
ארגאנשירט פון די היברו מאטוירניטי אייד סאסייטי, וועלכע שאפט א פאנד פאר די מוטער'ס און קינדער'ס רעסט היים.
קומט אז איהר מיט אייער גאנצער פאמיליע זאלען זיך דארט טרעפען:
עס וועט זיין צו קויפען פון אלעס גוטעס.

STANDARD THEATRE
טעלעפאן טריניטי 4310
מיטוואך אווענט
וועט אונזער גאסט, הער
מאקס גאבעל
איפפיהרען בלויז איין מאל
זיין סוקסעס פיעסע
פארקויפטע נשמות
פרייטאג אווענט
שבת מאטינע, שבת
אווענטס
2־טע ערפאלגרייכע וואך פון
מאקס גאבעל'ס סוקסעס
פיעסע דער
"גרויסער מאמענט"
באזארגט זיך מיט בילעטען באצייטענס

ווער געהט חתונה האבען?
קומט צו אונז. מיר האבען פאזיטיוו דעם גרעסטען און שענסטען אויסוואהל פון
דרעס און טאקסידא סוטס
לייטעסט סטייל צו פארענטען. אויך
סילק און סריסטי העטס העמדער, שיך
א. ז. וו. אלעס אפ־טו־דייט. קומט און איבערצייגט אייך.
פריימאן ברידער 571 יאנג סט.
טעלעפאן רענדאלף 3270.

צו אלע אידישע פארמער פון גאנץ אנטאריא
עס ווערט יעצט ארגאניזירט א וויכטיגע אונטערנעהמונג, וועלכעס וועט זיין אין די אינטערעסען פון אלע אידישע פארמער איבער דער גאנצער פראווינץ אנטאריא.
עס וועט זיין צו אייער אייגענעם בענעפיט, ווען איהר וועט קאמוניקירען מיט:
מר. סאקס פון דזשארדזשטאון, אנט.
אדרעסירט אלעס צו:
Mr. SAXE, Georgetown, Ont.

לכבוד פסח
איז אייער גוט באקאנטער
מאריס גראפשטיין
עקסטרא געפאהרען קיין ניו־יארק, און האט געבראכט דעם בעסטען אויסוואהל פון די שענסטע און סטיילישע ווארעס ווי:
סעטין פיים קענטין, אינעקס, דזשארדשעט און קרעפדעשין, פאירעד וויל, פעשי קלאט און קאמסי־קאמסא סילק
און פארשידענע רעמניצעס פאר קינדער קאוטלאך, דרעסעס, אין אלעס נייטיגעס. אלעס אין דער ליין באקומט איהר בלויז ביי אונז איהר ווערט געבעטען צו קומען צו אונז און זיך איבערצייגען. צ. דער זעלבער צייט סייפען געלט.
גראפשטיין און קופער 115 DUNDAS W.

דזשולערי דזשאבס
פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפיירט. ביים באוואוסטען דזשולער
מ. העלער
750 קווין סט. איסט
טעלעפאן דזשעראַרד 7863
ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען
איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין
56 יארק סטריט (געגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)
דעם "אידישען זשורנאל"
באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי
אדווערטייזמענטס פאר'ן "אידישען זשורנאל"
אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.
ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן
טעלעפאן בידזשענט 3045 אדער 9333

EMPIRE THEATRE
עמפייער טעאטער
די גאנצע היינטיגע וואך
הארטיג און סיעמאן
פרעזענטירען
ה. בערנארד און סיר לארעין אינק.
פרעזענטירען
"העפי־גאו־לאקי"
דזשין מעקקאי, און ראלף וואלטאן מיט א קעסט פון 40 אנדערע און א שעהנהייטס־כאר
דאנערשטאג אווענט — בארוס מגילאך נאכט.
ליידיס בארגיין וואכען־טעג מעטינים.

LOEW'S
די גאנצע היינטיגע וואך
טאם מיקס אין "אה יו טאני"
א ווילדער וועסטערן קאובאי יאם יוערס געצייכנט פון פריוע;
גרויסער וואדעוויל ביל.

HIPPODROME
די גאנצע היינטיגע וואך
סיסיל דע מיל'ס
פראדאקשאן
"דאס גאלדענע בעט"

SHEA'S
די גאנצע היינטיגע וואך
נאנעט
פרענק פעי
דזשעק דזשאסאיס'עס פערד, ראום און גאוט, וויל און גלעדים אהורין, האמילטאנס און פארדייס, עזאפס פאבעל

לואיס ווינער
דער אידישער יוניאן
סיין פיינטער
פון 74 דאנדעס וועסט
האט געמופט נאך 559 בעי סט.
נעבען דאנדעס.
טעלעפאן עדלייד 8369

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
זאו זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
— און אפטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט
דר. הענרי הערריס
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

זוכט ניט!
דער מאן וואס קען פיקסען גראמאפאנס, סיילס שלעסער רעפיירען, נייע שליסלען, בייבי קערעדזשעס און כטאוום געמאכט פון אלט נייע, איז דער גוט באוואוסטער
פ. שרייפער
אין 459—461 קאלעדזש סטריט
אז איך מאך גוט און ביליג, דאס ווייסט יעדער.
טעלעפאן טריניטי 6621.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, סטאר, אפיסען און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר נעמען קאנטראקטען פאר נאטיר און וועכענטליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ארעלייד 8087
NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
10 TERAULEY ST

לואיס ם. סינגער
SINGER, LUXENBERG, MACDONALD & RICHARDSON
לאיערס און נאטאריס
גודיער טייר בילדינג, קארנער ריטשמאנד און סימקאָ סטריטס
טעלעפאנס עדלייד 7965, 7966
געלט צו אנטלייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס.

לאיער גלאסס
רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ מיין 1322
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

לאיער בירענבוים
אפיס: וואוינונג:
דאמיניאן באנק בילדינג 220 בעווערלי סטריט.
קארנער קווין און בעי. טעלעפאן טריניטי 2533.
טעלעפאן אדעלייד 7287.

לאיער הערי ראזענבערג
אפיס הויז און אווענד
202 פעדעראל בילדינג 456 פאלמערסטאן בולווארד
85 ריטשמאנד סטריט וועסט
פאן ערעליד 4504 פאן טריניטי 5453 W

ליא. א. מאלדאוועה
לאיער און נאטארי פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטרים.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער סאקלאף
רום 212־ מענינג טשעמבערס, 72 קווין וועסט טעל. עדלייד 7437.
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

לאיער סאל אייזען
באריסטערס. סאליסטער, און נאטארים.
קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס
דאמיניאן באנק בילדינג רעזידענס
קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4 484 מארקהאם סטריט.
טעלעפאן עדלייד 3083. טעל. טריניט W 1904

לאיער דזשאזעף גארדאן
באריסטער, סאליסיטאר א. א. וו.
רום 822 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענץ טריניטי 3195

די בעסטע קויהלען קריגט איהר ביי די
איטאן קאהל קאמ.
טעלעפאן עדלייד 2696
THE EATON COAL CO.
352 QUEEN ST.. WEST.

קויפט אייערע קוילען פון
יאנאווער בראדערס
וואו איהר באקומט בלויז גוטע ראדזשערס קוילען.
268½ קווין סט. וועסט. רעזידענץ טריניטי 8781. אפיס טעל. עדלייד 3766

אויב איהר דארפט געזעצליכע פאפירען
אלע נעזעצליכע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון
ה. וויינבערג
דזשאסטיס אף פיעס
אין אפיס פון "אידישען זשורנאל"
253 קווין סטריט וועסט